STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08152

FUN DER VELT POEZYE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זישאָ לאַנדוי :

„פון דער וועלט פּאָעזיע"

אַרויסגעגעבן פון

דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד

ניו-יאָרק, נ. י., 1947

זישאַ לאַנדוי
פון דער
וועלט פּאָעזיע

דערשיינט אין 1,000 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג קאָרפּ., ניו-יאָרק.
הויפּט-פאַרקויף: „צוקונפט" ביכער אַגענטור.
פאָדערבלאַט און באַצירונגען פון י. טאָפּעל.

Copyright
by
David Ignatoff
Literary Foundation, Inc.
1947, New York, N. Y.

דאָס בוך איז אַ זאַמלונג איבערדיכטונגען פון דער וועלט-פּאָעזיע, וואָס זיינען געבליבן נאָך זישאַ לאַנדוי. זישאַ לאַנדוי, איינער פון די וויכטיקסטע וואָרט-פירער פון די אַמעריקאַנער „יונגע", האָט מיט דעם עצם אויסקלייב פון די לידער, וואָס ער האָט איבערגעזעצט, געזוכט אונטערצושטרייכן דאָס ליריש לויטערע, דאָס אינטימע און דאָס שפּילעוודיקע.

ס'וועט אפשר נישט איבעריק זיין צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן לאַנדויס איבערזעצונג פון היינעס „אַטאַ טראָל". פּאַרשידענע שטעלן אין דער דאָזיקער סאַטירע, וואָס איז פול מיט אַנדייטונגען אויף פּאַרהעלטענישן אין היינעס צייט, וועלן אין אונדזער צייט אפשר פּאַרקומען אַ ביסל פּאַרעלטערט. מיר מיינען אָבער, אַז דער פרייער שטיפערישער ליריזם פון „אַטאַ טראָל" ליגט אויף דער ליניע פון יענע קינסטלערישע אידייען, וועלכע זישאַ לאַנדוי האָט געדינט מיט זיינע אייגענע, אָריגינעלע שאַפונגען. אַזוי, אַז קינסטלעריש גענומען איז די דאָזיקע איבערזעצונג נישט געוווען קיין פּראָדוקט פון אַ צופאַל. דאָס זעלבע איז גילטיק בנוגע דעם רוב אַנדערע איבערדיכטונגען. לאַנדוי האָט איבערגעדיכטעט נאָר אַזעלכע שאַפונגען, וואָס האָבן געשטימט מיט זיין אייגענער ליניע אין דער פּאָעזיע, און דערפאר גלויבן מיר, אַז די דאָזיקע זאַמלונג — אומאָפּהענגיק פון איר אויטאָנאָמען ווערט — גיט אויך צו געוויסע וויכטיקע שטריכן צו זישאַ לאַנדויס אייגענעם שאַפן.

אינהאלט

אַלט-ענגלישע באַלאַדן
אַמעריקאַנער און אַנדערע
פאָלקס-באַלאַדן
פון דער וועלט-ליריק
היינריך היינע:
אַטאַ טראָל
(אַ סאַטירע)

אַלט-ענגלישע באַלאַדן

1. דער יאַגט אין שעווי וואַלד.
2. דער צעריקגעקומענער חתן.
3. לאָרד מאָנסגרייוו און לײדי באַרנאַרד.
4. די יונגע טעפּערין.
5. דער יונגער וואָטערס און די קעניגין.
6. די ווידוי פון דער קעניגין עלינאָר.
7. דער טויטער חתן.
8. דער ליידיקער זאָטל.
9. דער ריטער — ער שמייכלט.
10. די טראַגעדיע פון דער פאַמיליע דאָגלאַס.
11. באַרבאַראַ אַלען.

די יאַגד אין טשעווי-וואַלד

1

אָ, גאָט, באַהיט אונז אַלע דאָ
פון שלעכטס, פון אומגליק און געוואַלט!
עס איז אַ ווילדע יאַגד אַמאָל
פאַרלאָפן זיך אין טשעווי וואַלד.

אַ יאַגד, וואָס דורות שפּעטער נאָך
וועט אויף איר וויינען אונזער לאַנד!
און אָנגעהויבן האָט די יאַגד
גראַף פּוירסי פון נאָרטאָמבערלאַנד.

די בלום פון ענגלאַנדס ריטערטום,
לאָרד פּוירסי, אונזער בראַווער לאָרד,
האָט רעדנדיק מיט זיינע לייט
אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט:

אַז אין דעם טיפן טשעווי וואַלד
וועט ער זיך לאָזן אויף געיעג,
און שיסן הירשן וועט ער דאָרט
דריי לאַנגע זומערדיקע טעג.

און וואָס ער וועט באַגעגענען
דערשלאָגן וועט אויף טויט זיין האַנט.
— לאָרד דאָגלאַס, היט דיין שאָטלאַנד אָפּ,
און שטער מיר, אויב דו ביסט אין שטאַנד!

און האָט לאָרד דאָגלאַס דאָס דערהערט
לאָזט ער לאָרד פּוירסין זאָגן באַלד:
אין ענגלאַנד פעלן וועט אַ לאָרד,
אויב דו קומסט נאָר אין טשעווי־וואַלד!

לאָרד פּוירסי לאַכט זיך אויס דערפון,
לאָרד פּוירסי ווייסט נישט פון קיין שרעק.
מיט פופצן הונדערט בראַווע לייט
לאָזט ער קיין שאָטלאַנד זיך אַוועק.

ווי לוסטיק זיינען זיי אַרויס,
ווי זיינען גיך די יונגע פערד!
און ווער עס האַלט אין האַנט אַ שפּיז,
און ווער אַ בויגן, ווער אַ שווערד.

אין טשעווי־וואַלד, אויף שאָטלאַנדס ערד,
באַגינען מאָנטאָג קומען זיי,
און באַלד האָט דורך דעם טיפן וואַלד
צעטראָגן זיך אַ גרויס געשריי.

די הירשן לויפן, שפּרינגען ווילד,
עס יאָגן זיך נאָך זיי די הינט.
און פיילן לעכערן די לופט
געשווינדער פון דעם פלינקסטן ווינט.

און אײדער ס׳האָט די זון נאָך רעכט
די שטראַלן אירע אויסגעשפּרייט,
אין דעם געדיכטן טשעווי־וואַלד
שוין ליגן הונדערט הירשן טויט.

מען רוט זיך אָפּ, און שוין פון ס׳ניי
דעם בויגן האַלט מען אין דער האַנט,
שוין ווידער לאָזן זיך די הינט —
און איין געשריי דעקט צו דאָס לאַנד.

צונויפגעקליבן האָט מען גלייך
די טויטע הירשן אויף איין אָרט.
עס קומט לאָרד פּוירסי אָן אַהער,
עס קומט און רעדט ניט אויס קיין וואָרט.

און נאָכדעם דרייט ער אויס זיין קאָפּ
און שטיל האָט ער אַרויסגערעדט:
לאָרד דאַגלאַס! כ׳וואַרט דאָך דאָ אויף דיר.
ווען קומסטו שוין? עס ווערט דאָך שפּעט!

דו ביסט דער הירש דאָך, וואָס איך זוך,
דער הירש, וואָס רייצט אין מיר מיין בלוט!
אויב איך זאָל צווייפלען, אַז דו קומסט,
פאַרלאָז איך טשעווי די מינוט.

אַ יונגער ריטער רופט זיך אָן:
„לאָרד פּוירסי, דאַרפסט ניט וואַרטן מער!
לאָרד דאַגלאַס קומט, און אין דער זון
בלאַנקט שטאָלץ דאָס שאָטישע געווער!"

און האָט לאָרד פּוירסי דאָס דערהערט,
גיט ער אַ רוף צו זיינע לייט:
„גענוג נאָך הירשן זיך געיאָגט,
ס׳איז ניט פאַר שפּילן זיך די צייט!

„זאָל יעדער בלייבן רואיק שטיין,
קיין טראָט צוריק, קיין טראָט פאָראויס!
מיך האָט ביז איצט נאָך ניט באַזיגט
קיין שאָטלענדער און קיין פראַנצויז!“

לאָרד דאָגלאַס אויף דעם ווייסן פערד
ווי פון אַ נעבל שווימט אַרויס,
צוויי טויזנט שאָטלענדער נאָך אים,
און שטאָלץ ווי דער, וואָס רייט פאָראויס.

„זאָגט מיר, און גלייך, ווער פירט דאָס אייך,
און וועמעס לייט, זאָגט מיר, זייט איר,
וואָס שיסט אויס מיינע הירשן דאָ,
צומאָל ניט פרעגנדיק ביי מיר?“

און אָט איז וואָס געענטפערט האָט
לאָרד פּוירסי פון נאָרטאָמבערלאַנד:
„מיר זיינען דאָ, ווייל ס'ווילט זיך אונז,
דו שטער נאָר, אויב דו ביסט אין שטאַנד.“

לאָרד דאָגלאַס גיט אַ בייזן קוק
און הויבט אָן רופן מיט אַ קול:
„פאַר איינעם פון אונזביידן שיינט
די זון אַצינד צום לעצטן מאָל!

„און ווער עס איז פון אונז גערעכט,
באַשלאָסן ווערט עס נאָר דורך בלוט.
איך ווייס עס וואויל, דו ביסט אַ לאָרד,
איך ווייס עס וואויל, איך קען דיך גוט.

„נאַר, פּוירסי, איך בין אויך אַ לאָרד,
איך בין אַ לאָרד אַזוי ווי דו!
איך בעט דיך, לאָמיר לאָזן גאָר
די מענטשן אונזערע צורו.

„ס׳איז אַ רחמנות דאָך אויף זיי.
זיי זיינען אומשולדיק. פאַרוואָס
זאָל ווערן מיט אומשולדיק בלוט
אויף רויט געפאַרבט דאָס גרינע גראָז?

„און שטרייטן בלויז זאָל איך און דו,
אַ שטרייט אויף לעבן און אויף טויט!“
עס ענטפערט אים לאָרד פּוירסי אָפּ:
„לאָרד דאָגלאָס! כ׳בין צום קעמפן גרייט!“

דאָ טרעט אַרויס וויטהערינגטאָן,
אַ סקווייער־יונג און גאָר גאַלאַנט,
ער זאָגט: „ווען דאָס זאָל זיין אַזוי,
וואָלט איך געשטאָרבן דאָ פאַר שאַנד!

„מיין פעלדמאַרשאַל וועט שלאָגן זיך,
און איך זיץ רואיק אויף מיין פערד!
האָב איך אין זיך ניט ענגליש בלוט?
קען איך ניט האַלטן דען קיין שווערד?

„איר זייט צוויי גרויסע לאָרדן, יאָ,
און איך בין אָרעם, אומבאַקאַנט,
דאָך איך וויל אויך זיך שלאָגן דאָ,
ווי לאַנג ס׳וועט דינען מיר מיין האַנט!“

די ערשטע העלפט פון אַט דער יאַגד
האָב איך דערציילט איך דאָ אַצינד.
אַ יאַגד, וואָס ווייַנען וועט אויף איר
דאָס ניט געבאָרענע נאָך קינד!

2

מיר ציִען פעסט די בויגנס איין,
די פייַלן גליטשן זיך אַראָפּ,
און אַכציק שאָטן זעגנען זיך
מיט זייער יונגן לעבן אָפּ.

לאָרד דאָגלאָס זעט עס און ער טיילט
זיין מחנה אין דריי טיילן איין,
און שנייַדט זיך מיט אַ ווילדער קראַפט
אין ענגלאַנדס רייִען באַלד אַריין.

איצט שרייַט נישט מער דער הירש פאַר שרעק,
געיאָגט פון ווילד־צערייצטע הינט,
נאָך מענטשן יאָגן פייַלן זיך
געשווינדער פון דעם פלינקסטן ווינט.

און ווער עס כאַפּט אַרויס זיין שווערד
און וואַרפט זיין בויגן אָן אַ זייט.
און ענדלעך קומען זיך צונויף
די ביידע פירער צו דעם שטרייט.

ווי לייבן מעכטיקע אין וואַלד
באַפֿאַלן זיי זיך מיטאַמאָל,
און ס׳בלאַנקען העלער פֿון דער זון
די שווערדן פֿון געהאַקטן שטאָל.

זיי קעמפֿן לאַנג, און יעדער קלאַפּ
קלינגט ווי אַ דונער מעכטיק אָפּ.
ווי טראָפּנס רעגן קאַפּעט שוין
דאָס בלוט זיי פֿון די קעפּ אַראָפּ.

לאָרד דאַגלאַס רופֿט זיך פּלוצים אָפּ:
„אַ, פּוירסי, גיב זיך אונטער שוין,
קיין שאָטלאַנד וועל איך נעמען דיך,
ס׳וועט גרויסע ערע זיין דיין לוין.

„און זאָגן וועל איך קעניג דזשיימס:
לאָרד פּוירסי איז אַ גרויסער העלד,
ער איז דער בראַווסטער ריטער, וואָס
באַגעגנט האָב איך אויף דער וועלט.״

„ניין, דאַגלאַס, ניין, — זאָגט פּוירסי אים, —
און שטענדיק וועט עס זיין אַזוי!
כ׳גיב זיך ניט אונטער צו אַ מאַן,
וואָס אויסגעטראָגן האָט אַ פֿרוי!״

און ווידער קאַמף... פֿון אונזער זייט
אַ פֿייל קומט אָן אין דער מינוט,
און לעכערט דורך לאָרד דאַגלאַס׳ האַרץ,
באַגיסט אים מיט זיין אייגן בלוט.

און שטאַרבנדיק רעדט ער אַרויס:
„איך שטאַרב... און פאַר לאָרד פּוירסיס בליק
נאָר איר פירט ווייטער אָט דעם שטרייט,
קיין טראָט קיין איינציקן צוריק!"

לאָרד פּוירסי אָנגענומען האָט
דעם טויטן ריטער ביי דער האַנט:
„צוריק דיך מאַכן לעבעדיק
ווי וואָלט איך וועלן זיין אין שטאַנד!

„אָ, גאָט, ס'איז גרויזאַם צוצוזען,
פון פּיין דאָס האַרץ אין מיר פאַרגייט, —
דער ווירדיקסטער זאָל פאַלן פון
אַזאַ מין ניט פאַרדינטן טויט!"

אַ ריטער פון די שאָטן האָט
צו דאַגלאַס' סוף זיך צוגעקוקט,
פון כעס פון ווילדן האָט ביי אים
אַ יעדער גליד געברענט, געצוקט.

סער ראַלף מאָנטגאָמערי רופט ער זיך,
און מיט אַ בלאַנקענדיקן שווערד
האָט ער זיך שנעלער פון דעםווינט
געלאָזט אויף זיין גאַלאַנטן פערד.

ער איז דורך ענגלאַנדס רייען דורך
ניט טראַכטנדיק פון שרעק צומאָל,
און עגבערט דורך דורך פּוירסיס האַרץ
זיין שווערד פון בלאַנקענדיקן שטאָל.

ווי פעסט געווען איז די האַנט,
און ווי דער קלאַפּ געווען איז שווער!
די שווערד איז פון דער צווייטער זייט
אַרויס אַן אייל און אפשר מער.

אַזוי געפאַלן זיינען זיי,
די ביידע העלדן, וועמעס קראַפט
און וועמעס ניט־באַפּלעקטער מוט
האָט רוהם דער גאַנצער וועלט פאַרשאַפט.

און סער מאַנטגאָמעריס האַרץ איז באַלד
געוואָרן פאַר אַ פייל דער ציל,
און נעבן ביידע פירער ליגט
אויך ער שוין אויסגעצויגן, שטיל.

דער קאַמף, וואָס אויסגעבראָכן האָט
נאָך איידער ס׳איז געוואָרן טאָג,
איז נישט געווען געענדיקט נאָך
אויך ווען עס קלינגט דער אָוונט־גלאָק.

ביים שיין פון דער לבנה ערשט
צעפלאַקערט זיך פונסניי די שלאַכט;
און ניט איין לעבן לעשט זיך אויס
אין אָט דער שוידערלעכער נאַכט.

עס שלאָגן זיך אויף פּוירסיס זייט,
און שלאָגן מוטיק זיך און בראַוו,
און שטאַרבן אויך מיט אים אין שלאַכט:
דער בראַווער האַרטלי און סער דאַף.

סער ראָבערט האַרטקליף און סער דזשיימס,
און ס׳פּאַלט סער דזשאָן פון עגערטאָן,
און אויך געפאַלן זיינען דאָ
סער וויליאַם און וויטהערינגטאָן.

דאָס פאַלן פון וויטהערינגטאָן
צעבראָכן האָט מיין האַרץ, און ווי!
ווייל ווען מען האַקט די פיס אים אָפּ
בלייבט ער זיך שלאָגן אויף די קני.

עס שלאָגן זיך אויף דאָגלאַס זייט
און פאַלן אויך מיט אים אין שלאַכט
סער ראַלף מאָנטגאָמערי, וואָס דעם טויט
האָט אין געזיכט אַריינגעלאַכט.

סער ראָדזשערס און לאָרד מאַקסוועל אויך
זיך האָבן מער ניט אומגעקערט,
און אויך לאָרד דייוויד סעמועלס בלוט
האָט איינגעזאַפּט אין זיך די ערד.

און שאָטלאַנד קלאָגן מעג אויף דעם
און וויינען מעג נאָרטאָמבערלאַנד!
אַזוינע בראַווע ריטער האָט
נאָך ניט געזען קיין אַנדער לאַנד!

פון צוואַנציק הונדערט שאָטן, וואָס
לאָרד דאָגלאַס האָט אַהער געבראַכט,
בלויז פינף און פופציק זיינען ניט
געפאַלן אין דער טשעווי שלאַכט.

פון פופצן הונדערט ענגלענדער
וואָס קומען אָן מיט שפּיז און שווערד
און פּייל און בויגן, האָבן זיך
בלויז דריי און פופציק אומגעקערט.

צו קעניג דזשיימס פון שאָטלאַנד האָט
די בשורה זיך דערטראָגן באַלד,
אַז ס׳איז לאָרד דאָגלאָס פון אַ פייל
געפאַלן אין דעם טשעווי וואַלד.

ער ברעכט צוזאַמען זיינע הענט
און זאָגט: „אַז וויי איז מיר און שווער,
אין גאַנצן שאָטלאַנד האָב איך ניט
אַ ריטער בראַוו אַזוי ווי ער!“

אויך אונזער קעניג הענרי באַלד
אין לאָנדאָן האָט די נייס דערהערט:
אַ ריטער פון די שאָטן האָט
דערהרגעט פּוירסין מיט אַ שווערד.

„זאָל, פּוירסי, זיין די ערד דיר גרינג, —
האָט קעניג הענרי פרום געזאָגט, —
איך גלויב, אַז ריטער שטאַרק ווי דו
מיין לאַנד נאָך הונדערטער פאַרמאָגט.

„נאָר שאָטלאַנד צאָלן וועט דערפאַר
און ס׳וועט דער פּרייז ניט זיין צו קליין!
און מאָרדן ריטער ענגלישע
דער חשק וועט ביי איר פאַרגיין!“

ווי אונזער קעניג האָלט זיין וואָרט
באַווייזט די האָמבאָלדאונער שלאַכט,
ווען פופציק ריטער שאָטישע
מיט איין מאָל האָט ער אומגעבראַכט

און הרגעט אויס נאָך הונדערטער,
נאָר דאָס פון נידעריקן שטאַנד. —
דאָס צאָלסטו, שאָטלאַנד, פאַר דעם טויט
פון פּוירסי פון נאָרטאָמבערלאַנד!

אַזוי אָט ענדיקט זיך די יאַגד,
וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל שרעק. — — —
אָ, גאָט, באַשיין שוין אונזער לאַנד
און שיק אונז רואיקערע טעג!

דער צוריקגעקומענער חתן

דזשיין ריינגאָלד — שיין איז זי און יונג
און פון אַ גוטן שטאַנד.
זי וואוינט אין פּלימוט אין דער שטאַט,
וואָס יעדן איז באַקאַנט.

און יעדער פון דעם מיידל רעדט
און גרעסער מאַכט איר רום,
און ס׳איז געווען פאַרליבט אין איר
דאָס יונגוואַרג פון אַרום.

עס האָט אַ יונגער שיפמאַן זי
געליבט פון אַלע מער;
ער איז געווען אַ בראַווער יונג —
דזשעימס העריס רופט זיך ער.

און אויך אין אירע אויגן האָט
דער יונג געפונען חן.
מען זעט זיי גאַנצע טעג און נעכט
צוזאַמען שטיין און גיין.

זיי גיבן ביידע זיך די הענט
און שווערן אויך דערביי,
אַז ביזן קבר וועלן זיי
שוין בלייבן זיך געטריי.

און זי דאַרף זיין זיין טרייע ווייב,
און ער איר ליבער מאַן —
נאָר עפּעס איז פאַרלאָפן זיך,
וואָס האָט צעשטערט דעם פּלאַן.

אין ווייטע לענדער פאָרט זיין שיף
און ער מוז מיט איר מיט.
עס בלייבט זיין כלה אין דער היים,
כאָטש ווילן וויל זי ניט.

דריי לאַנגע יאָר קוקט זי אויף אים
די אויגן אירע אויס
און היט אָפּ טריי איר מיידלשאַפט,
נאָר גאָרנישט קומט אַרויס.

צום סוף דערהערט זי: ער איז טויט
אין ווייטן, פרעמדן לאַנד,
עס האָט די אויגן אים פאַרמאַכט
אַן אומבאַקאַנטע האַנט.

דאָס מיידל וויינט אַ לאַנגע צייט
און ווי און ווינד איז איר,
און מיטאַמאָל אַ שיינער יונג
קלאַפּט אין איר האַרצנס טיר.

דזשיין ריינאָלד ווערט זיך און זיך ווערט,
און ער זאָגט גליק איר צו.
און דריי יאָר לויפן גיך אַוועק
אין פריידן און אין רו.

דאָס מיידל וויינט אַ לאַנגע צייט
און מאַכן פול דאָס הויז,
ווען טאַטע־מאַמע קוקט אויף זיי,
גייט ס׳האַרץ פון פרייד זיי אויס.

דאַרף גראַד זיך מאַכן, אַז איר מאַן
מוז פון דער היים אַוועק,
ניט אויף אַ לאַנגער צייט, נאָר בלויז
אויף דריי געציילטע טעג.

אין מיטן נאַכט, ווען דזשיין שלאָפט איין
אַ רואיקע אין בעט,
דערהערט זי, ס׳קלאַפּט אין פענצטער ווער,
דערהערט זי עמיץ רעדט.

זי שפּרינגט פון בעט דערשראָקן אויף,
און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.
דאָס קול ווערט קלאָר: „אָ, דזשיין, מיין דזשיין,
הויב אויף זיך, טו זיך אָן.

דאָס רעדט דיין חתן דזשיימס צו דיר,
ער קומט דאָס פון דער ווייט
צו נעמען איצט דיך פאַר אַ ווייב,
ווייל ס׳איז פון לאַנג שוין צייט.

עס נעמט מיר לאַנגע זיבן יאָר
צו קומען דאָ אַהער.
אָ, כלה דזשיין, קום מיט מיט מיר,
איך קען ניט וואַרטן מער.“

„צו אַ נסיון, חתן דזשיימס,
אַ, טײַ׳רער, ברענג מיך ניט.
וואָס וועלן טאָן די קינדערלעך,
ווען איך גיי מיט דיר מיט ?״

„אַ קעניגס אײנציק קינד מיט מיר
וויל צו דער חופּה גיין,
נאָר כ׳וויל ניט זי און ניט איר קרוין —
איך וויל נאָר דיך, מיין דזשיין !

פֿאַרגעס דערפֿאַר אויך דו דיין מאַן
און דיינע קינדער אויך,
און זיבן־יאָרעדיקע פּיין
פֿאַרשווינדן וועט ווי רויך״.

„אויב פֿון מיין מאַן און קינדערלעך
וועל איך מיט דיר אַוועק,
אַ, חתן דזשיימס, מיט דערנער וועט
זיין אויסגעבעט מיין וועג״.

„כ׳האָב זיבן שיפֿן אויפֿן ים,
און איינע שטייט ביים ברעג,
דאָס אַלץ געהערן וועט צו דיר,
איך שענק עס דיר אַוועק.

און דו פֿאַרסט אויף דער שענסטער שיף,
און איך בין ביי דיין זייט,
דער מאַסט־בוים איז פֿון ריינסטן גאָלד,
דער זעגל איז פֿון זייד״.

עס לויכטן זיינע אויגן אויף,
עס כישופט זי זיין שטים,
און ווי פֿאַרחלשט ווערט איר האַרץ
און ציט זיך, ציט צו אים.

און זי קושט הייס די קינדערלעך
און לאָזט זיך גיין צום ברעג. —
ביז היינט צו טאָג ווייסט קיינער ניט
וואו זיינען זיי אַוועק.

און ווען עס קומט דער מאַן אַהיים
און זעט וואָס ס׳איז געשען —
מיין גרעסטן שונא ווינטש איך ניט,
ווי ער האָט אויסגעזען.

קוקט אויף די קינדער, קוקט און קוקט
מיט אויגן גרויס און נאַס,
און מיט אַ שרעקלעכן געשריי
לאָזט ער זיך אין דער גאַס.

דערנאָך געהאַנגען האָט ער זיך
פֿאַר חרפּה און פֿאַר שרעק
אויף יענער טיר, דורך וועלכער ס׳איז
זיין ווייב פֿון אים אַוועק.

די קינדער זיינען עלנט איצט
און האָבן קיינעם ניט. —
אָ, גרויסער גאָט, איך בעט ביי דיר,
באַשיץ זיי און באַהיט!

לאָרד מאָסגרייוו און ליידי באַרנאַרד

לאָרד מאָסגרייוו אין גאָלדענעם מאַנטל
טרעט שטאָלץ אין דער קירכע אריין;
פון זיינע פאַרחלומטע אויגן
צעשפרייט זיך אַ ליכטיקע שיין.

ער גריסט טיף די דאַמען די שיינע,
וואַרפט בליקן אַהער און אַהין;
באַגריסן גאָטס הייליקע מוטער —
ליגט אים ניט אַפילו אין זין.

די אויגן פון ריטער, זיי זוכן
און שטעלן זיך אָפּ אויף דער טיר.
אַריין איז אין טיר ליידי באַרנאַרד,
און ווער איז נאָך שענער פון איר!

איר בליק איז געפאַלן אויף מאָסגרייוו,
האָט לאַנג אויף דעם ריטער געקוקט.
„אָ, מיינס איז דאָס האַרץ דיינס, מילידי!"
האָט שטאַרק דורך זיין האַרצן געצוקט.

עס מורמלט די ליידי: „לאָרד מאָסגרייוו,
ס'האָט ליב דיך פון לאַנג שוין מיין זעל."
— דאָס זעלבע מיט מיר איז, מיין ליידי,
נאָר ס'וואָרט ווערט דערשטיקט אין מיין קעל.

אויב ווילסט צו מיר קומען, לאָרד מאַסגרייוו,
לאָרד מאַסגרייוו, קום היינט נאָך ביינאַכט.״
אויב ווילסט צו מיר קומען לאָרד מאַסגרייוו,
לאָרד מאַסגרייוו קום היינט נאָך ביינאַכט.״

דאָס האַרץ פון דעם ריטער נעמט קלאַפּן,
ווי זי וואָלט אַ קוש אים געטאָן:
ער זאָגט שטיל: „איך קום היינט, מיין ליידי,
ווען ס׳לעבן זאָל שטיין אויף אין קאָן.״

דער פּאַזש פון דער ליידי באַרנאַרד האָט
דעם שמועס דעם גאַנצן געהערט.
—דאַרף איך דאָס לאָרד באַרנאַרד דערציילן?—
דער פּאַזש האָט אַ ווײַלע געקלערט.

ער רוקט זיך אַרויס פון דער קירכע,
נעמט לויפן מיט ווילדן געלויף,
שוין פינקלען אין הימל די שטערן,
ווען ער איז געקומען אין הויף.

— מילאָרד! אָ, מילאָרד! אָ, לאָרד באַרנאַרד!
הייס זאָטלען די פערד דיינע באַלד!
באַפלעקט איז דיין ערע: לאָרד מאַסגרייוו
שלאָפט איצט מיט דיין ליידי אין וואַלד!

לאָרד באַרנאַרד נעמט ציען די ווערטער:
— אויב דאָס וואָס דו זאָגסט מיר איז וואָר,
וועל איך מיינע לענדער און וועלדער
דיר געבן אויף גאַנצע צוויי יאָר;

נאָר אויב ס׳איז אַ ליגן אינגאַנצן,
צי ס׳האָט זיך דיר בלויז אויסגעדאַכט,
װעל איך אויף דעם בוים אויף דעם העכסטן
דיך הענגען נאָך היינטיקע נאַכט.

און איצט, צו די פערד, מיינע מענטשן,
מיר מוזן זיך איילן צום וואַלד.
אַפּט האָבן מיר שנעל זיך געטראָגן,
דאָך טראָגן מיר שנעלער זיך באַלד!

דער האָרן שאַלט אויף, און זיי יאָגן
זיך שנעל ווי אַ ווינט דורכן פעלד, —
דער ריטער קושט פיינלעך די ליידי
אין זייער פאַרבאָרגן געצעלט.

„עס הערט זיך אַ קלינגען פון ווייטן,
עס הערט זיך אַ רוישן אין קאָרן,
אַ, ליידי, מיין ליידי, מיין ליידי,
דאָס בלאָזט דאָך לאָרד באַרנאַרד זיין האָרן.“

„קוש שטאַרקער, קוש שטאַרקער, לאָרד מאָסגרייוו,
וואָס אַרט דיך ווער רוישט דאָרט און שאַלט!
בין איך ניט ביי דיר אין די אָרעמס?
ניט קוש אַזוי פרעמד מיך און קאַלט.“

קוים האָט זי די ווערטער געענדיקט,
לאָרד באַרנאַרד קומט אָן אין גאַלאָפּ,
און ער האָט אין גאַנצן געציטערט
ווען ער איז פון זאָטל אַראָפּ.

האָט מיט זיך דריי זילבערנע שליסלען,
וואָס עפענען טויער און טיר.
„צום ערשטן מאָל, הויז מיינס, געקומען
בין איך אין פאַרצווייפלונג צו דיר.“

אַ ריס געטאָן האָט ער דעם פאָרהאַנג,
עס ציטערט פון וויטאָג זיין לייב:
— געקומען בין איך ביי דיר פרעגן,
לאָרד מאָסגרייוו, ווי שמעקט דיר מיין ווייב?

„לאָרד באַרנאַרד, לאָרד באַרנאַרד, לאָרד באַרנאַרד,
ווי זיס איז דאָס ווייב דיינס און צאַרט!
מיר דאַכט זיך, איך האָב אויף דעם אָוונט
דאָס לעבן דאָס גאַנצע געוואַרט.

„טו אָן זיך וואָס שנעלער, לאָרד מאָסגרייוו,
זאָל קיינער ניט זאָגן אין לאַנד,
אַז בלוט פון אַ נאַקעטן מענטשן
פאַרגאָסן אַמאָל האָט מיין האַנט.

און האָסטו מיט זיך ניט קיין וואָפן,
צוויי שווערדן האָב איך דאָ ביי מיר;
די קירצערע לאָז פאַר מיר איבער,
די לענגערע זאָל זיין פאַר דיר.

עס פאַלט אָן צום ערשטן לאָרד מאָסגרייוו,
און טיף שניידט אַריין זיך זיין שווערד,
עס ענטפערט אים גלייך אָפּ לאָרד באַרנאַרד, —
לאָרד מאָסגרייוו פאַלט טויט צו דער ערד.

די ליידי פֿאַלט צו צו דעם קעמפּער:
„מיין ליבסטער, ביסט פֿון מיר אַוועק!
וועל פֿאַר דיין נשמה גאָט בעטן
ביז ס׳ענדיקן זיך מיינע טעג.

„נו, טו עס, מיין ליידי, וואָס גיכער,
און בעט אין איין וועג שוין פֿאַר זיך!"
עס זינקט אין דעם מילך־ווייסן נאַקן
די שווערד די פֿאַרבלוטיקטע גיך.

אַרויס איז לאָרד באַרנאַרד פֿאַמעלעך
ווי ס׳וואָלט זיך ניט וועלן אים גיין:
„באַגראָבן זאָלט איר זיי צוזאַמען,
איין קבר און אונטער איין שטיין."

די יונגע שעפערין

אַ שעפערין אַ שיינע
גייט אין דעם וואַלד אַליין,
און פּלוצים זעט זי פּאַר זיך
אַ יונגן ריטער שטיין.

האָט אויף דער ערד געלייגט זי
אין זעלבן אויגנבליק;
טוט מיט איר, וואָס אים ווילט זיך
און הייבט זי אויף צוריק.

— דו האָסט מיט מיר געטאָן איצט
וואָס נאָר עס ווילט זיך דיר,
וואָלסטו כאָטש, בראַוועד ריטער,
דיין נאָמען זאָגן מיר?

— טייל רופן דזשעק מיך, ליבסטע,
און טייל מיך רופן דזשיל;
נאָר אין דעם הויף פון קעניג
הייס איך נאָר ווילפּאַ וויל.

און אויף דעם פערד דעם ווייסן
לאָזט ער זיך אין גאַלאָפּ,
עס לויפט נאָך אים דאָס מיידל,
לאָזט אים פון אויג ניט אָפּ.

קיין אײדלקייט דער ריטער
האָט גאָרנישט ניט פאַרמאָגט:
פון נעמען אויפן פערד זי,
קיין וואָרט אויך ניט געזאָגט.

און קיין קוראַזש דאָס מיידל
האָט גאָרנישט ניט פאַרמאָגט:
ער זאָל צו־שנעל ניט רייטן,
אויך דאָס אים ניט געזאָגט.

זיי קומען צו אַ טייך אָן,
וואָס האָט געהייסן קלאַיד.
— קום, מיידל, — זאָגט דער ריטער, —
קום, זעץ זיך ביי מיין זייט.

— אַ דאַנק אייך, בראַווער ריטער,
אַ דאַנק, אַ שיינעם, אייך,
נאָר לייכטער פון אַ פעלד נאָך
איז דורכגיין מיר אַ טייך.

כ׳האָב אויסגעלערנט זיך שווימען
נאָך אין מיין טאַטנס הויז,
און אויך דער ים, דער גרויסער,
איז ניט פאַר מיר צו־גרויס.

אַ יאָג געטאָן דער ריטער
האָט ס׳פערד זיינס אינם טייך,
עס טוט אַ שפרונג דאָס מיידל
און לאָזט זיך אינם טייך.

געלאָזט האָט זי זיך שפּעטער
צום קעניגס פּאַלאַץ גיין.
ווער עפנט אויף די טיר איר?
דער קעניג, ער אַליין.

— וואָס ווילסטו, מיידל שיינע,
וואָס ווילסטו, זאָג, פון מיר?
— אַ מאַן האָט מיך באַגנבעט,
וואָס איז אין שלאָס ביי דיר.

— האָט ער דיין גאָלד געגנבעט,
דיין רייכטום, צי דיין לוין?
צי ס׳מיידלשאַפט באַרויבט דיר,
דיין קערפּערס ריינסטע קרוין?

— ער גנבעט ניט מיין רייכטום,
ניט ס׳גאָלד מיינס, ניט מיין לוין,
נאָר ס׳מיידלשאַפט באַרויבט מיר,
מיין קערפּערס ריינסטע קרוין.

— איך וועל אים היינט נאָך הענגען,
אויב ער האָט שוין אַ ווייב,
נאָר אויב ער איז אַ בחור,
נעם דו דיר צו זיין לייב.

— מען רופט אים דזשעק, מיין קעניג,
און טייל אים רופן דזשיל,
נאָר אין דיין הויף, מיין קעניג,
הייסט ער גאָר ווילפאַ וויל.

— מיט אַזאַ נאָמען ריטער
האָב איך אַ דריי, צי מער,
און איינער איז מיין שוואָגער,
ווער ווייס, צי ס'איז ניט ער.

דער קעניג רופט די ריטער,
ער רופט צו צווי, צו דריי;
מיט קעפּ אַרויפגעהויבן
זיי שפּאַנען לייכט פאַרביי.

און ווילפאַ וויל, וואָס שטענדיק
דער ערשטער פלעגט דאָך זיין,
דאָס מאָל כמעט דער לעצטער
איז אין דעם זאַל אריין.

זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
זיין אָטעם הייס און שווער.
עס גיט אַ שפּרונג דאָס מיידל:
— אָ, קעניג, דאָס איז ער!

עס רופט זיך אָפּ דער קעניג
און פריילעך איז זיין בליק:
— ווילסט פאַר אַ ווייב זי נעמען,
צי הענגען אויף אַ שטריק?

עס ענטפערט אָפּ דער ריטער
און פינצטער איז זיין בליק:
— כ'וויל פאַר אַ ווייב זי נעמען
שטאָט הענגען אויף אַ שטריק.

נאָר ער נעמט הונדערט רענדלעך
און וויל עס געבן איר.
— נעם צו דאָס געלט און זוך־אויס
אַן אַנדער חתן דיר.

— איך דאַרף ניט האָבן ס׳געלט דיינס,
ס׳וועט גאַרנישט העלפן דיר.
דער קעניג האָט דיין קערפּער
אַוועקגעשאָנקען מיר.

נעמט ער צען טויזנט רענדלעך
און שטופּט עס אין איר האַנט.
— גלויב מיר, אַז מער דיר געבן
בין איך אויך ניט אימשטאַנד.

— בייס אָפּ די צונג דיר, זאָגט זי,
ס׳וועט גאַרנישט העלפן דיר,
דער קעניג האָט דיין קערפּער
אַוועקגעשאָנקען מיר.

ער זעט שוין, ס׳וועט ניט העלפן,
טראַכט נאָך אַ ווײַלע, קלערט,
און מיט אַ זיפץ אַ שווערן
זעצט ער זי אויף אַ פערד.

ווייס איז דאָס פערד און גלאַנציק
אויף וואָס דאָס מיידל רייט,
זיך זעצט ער אויף אַ גרויען
און לאָזט זי ביי איר זייט.

— איך זע שוין מער קיין זון ניט,
מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נאַכט.
וואָס האָסטו, מוטער מיינע,
מיך אויף דער וועלט געבראַכט?

— ווען דו וואָלסט אָבער, ריטער,
געגאַנגען דיר דיין וועג,
וואָלסטו אַצינד ניט דאַרפן
פאַרשילטן דיינע טעג.

— האָסט מיך אין מילך געבאָדן,
שטאָט וואַסער טרינק איך ווייַן;
נאָר ס׳וועט פון איצט שוין אייביק
מיין לעבן פינצטער זיין!

אַ שעפערין, אַ פּראָסטע,
נעמט פאַר אַ מאַן מיך צו —
אַ, זייט געזונט, חברים,
אַ, זיי געזונט, מיין רו!

די שעפערין, זי שמייכלט:
— אַוודאי איז דיר שלעכט,
נאָר כ׳מיין, מיין בראַווער ריטער
אַז ס׳איז אויף דיר גאַנץ רעכט.

ניט שטעל אַפּ מער קיין מיידלעך,
ניט לייג זיי אויף דער ערד . . .
נאָר כ׳האָב דיר וואָס צו זאָגן,
וואָס איז צו הערן ווערט.

דו קענסט דאָך פראַנקרייכס קעניג,
ווייס, כ׳בין זיין איינציק קינד!
אָ, זיסער חתן מיינער,
ווי איז מען אַזוי בלינד!

די חתונה באַשרייבן
וועל איך פאַר אייך שוין ניט
ווייל ס׳האָט צו־לאַנג פאַרצויגן
זיך ביז אַהער מיין ליד.

דער יונגער וואָטערס און די קעניגין

און קאַלט און פּראַקטיק איז דער ווינט,
דער הימל שוואַרץ, ווי פּאַר געוויטער.
ס'איז ווײַנאַכט, און דעם קעניגס שלאָס
איז פֿול מיט שאָטלאַנדס שטאָלצע ריטער.

דער קעניג און די קעניגין,
זיי קוקן פֿון דעם שלאָס אַרונטער,
זיי זעען, ס'קומט סער וואָטערס אָן,
דער יונגער וואָטערס שטאָלץ און מונטער.

זײַן מאַנטל שײַנט ווי רײַנער גאָלד,
זײַן זאָטל שײַנט אַרויס נאָך העלער;
און ס'רײַט סער וואָטערס אויף אַ פֿערד,
וואָס איז פֿון שנעלסטן ווינט נאָך שנעלער.

די לויפֿערס לויפֿן אים פֿאַראויס,
און נאָך אים זײַנע רײַטערס רײַטן,
ווי אַ געדיכטער שפּיזן־וואַלד
זעט אויס די מחנה פֿון דער ווײַטן.

אַ כיטרער הױפֿלינג בײַ דער זײַט
איז פּאַר דער קעניגין געשטאַנען.
— איז עפּעס שײַנע ריטער פֿיל
אין אונזער גרויסן לאַנד פֿאַראַנען?

„ס'איז ריטער דאָ אין אונזער לאַנד,
וואָס ס'קען קיין שענערע ניט געבן,
סער וואָטערס אָבער שענער איז
פון אַלץ, וואָס כ'האָב געזען אין לעבן".

פון קנאה שרומפּט דער קעניג איין,
ווערט איינגעבויגענער און קלענער:
— דו, אָבער, דאַרפסט דערמאָנען מיך,
מעג ער זיין טויזנט מאָל נאָך שענער.

— דו ביסט קיין לאָרד ניט און קיין לאַירד,
דו ביסט דאָך שאָטלאַנדס גרויסער קעניג,
און אַלע ריטער אינם לאַנד
זיי זיינען דיר דאָך אונטערטעניק.

דער מלכהס אויג פון שרעק ווערט מאַט,
דעם קעניגס נעמט מיט שנאה שטראַלן:
ווייל דו ביסט שייך, סער וואָטערס, וועט
דער קאָפּ פון דיינע פּלייצעס פאַלן.

און נאָכגעיאָגט אים האָבן זיי,
אָ, וויי, זיי האָבן אים געפאַנגען,
און פון סער וואָטערס הענט און פיס
איצט זיינען קייטן נאָכגעהאַנגען.

— דורך סטוירלינג בין איך אָפטמאָל שוין
אויף דיר, מיין שטאָלצער פערד, געריטן!
דאָך קיינמאָל האָט אין סטוירלינג ניט
קיין שווערע קייט מיין לייב געשניטן.

— דורך סטוירלינג האָב איך אָפטמאָל זיך
מיט פרייד און מונטערקייט געטראָגן,
דורך סטוירלינג אָבער רייט איך איצט,
און ווייס: עס האָט מיין שעה געשלאָגן.

ביים פוס פון בערגל ס׳לעצטע מאָל
האָט ער זיך מיט זיין פערד באַגעגנט,
און מיט זיין העלם און שווערד און הערב
און מיט זיין יונגן זון געזעגנט.

און פון דעם בערגל ס׳לעצטע מאָל
זיין לײדי זעען זײנע אויגן,
און צו דעם קלאָץ דעם בלוטיקן
נעמט זיך זיין קאָפּ דער שטאָלצער בויגן.

די ווידוי פון דער קעניגין עלינאָר

די קעניגין קראַנק איז אַ לענגערע צייט,
איצט פילט זי, איר שעה האָט געשלאָגן.
— ברענגט מיר צוויי פריסטער פון פראַנקרייך, — בעט זי, —
צייט איז מיר ווידוי צו זאָגן.

געהערט האָט דער קעניג דער מלכהס פאַרלאַנג
ביים ליכטן אים אויף זיינע אויגן;
ער שיקט נאָך לאָרד מאַרשאַל און זאָגט וואָס צו אים,
זיין וואָרט איז געמאָסטן, געוואויגן.

עס הערט אויס לאָרד מאַרשאַל דעם קעניגס פאַרלאַנג,
עס נעמען די קני זיך אים בויגן:
„אָ, קעניג, עס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז דאָ ווערט
אַ שטריק אַרום האַלז מיר פאַרצויגן.”

— לאָרד מאַרשאַל, איך גיב דיר מיין וואָרט און איך וועל
ביי ענגלאַנד ביי מיינער דיר שווערן:
דורך קעניגין עלינאָרס ווידוי וועט דיר
קיין האָר אויך געמינערט ניט ווערן.

פאַרשטעלן פאַר פריסטער וועל איך זיך און דו,
די קליידער די פריסטערשע טראָגן,
און גיין וועלן מיר צו דער קעניגינס בעט,
און ווידוי מיט איר וועלן זאָגן.

און ווען דורך די גאַסן פון שטאָט זיינען זיי
צום הויף פון דער מלכה געגאַנגען,
געפאַלן איז ס׳גאַנצענע פאָלק אויף די קני,
און פרום אין געבעט זיך פאַרגאַנגען.

מיט פּנימער כלומרשט פאַרמאַטערט און מיד
זיי זיינען אין הויף אָנגעקומען.
און גלייך אין דער רגע דאָ האָט מען זיי שוין
צום בעט פון דער מלכה גענומען.

— זייט איר צוויי פראַנצויזישע פּריסטער, — זאָגט זי —
וועל איך אייך מיט פרייד איצט באַגעגנען,
— זייט איר צוויי פראַנצויזישע פּריסטער, — זאָגט זי, —
זיך שוין מיטן לעבן געזעגנען.

— מיר קומען פון פראַנקרייך, — שטיל ענטפערן זיי, —
מיר האָבן די שיף ערשט פאַרלאָזן. —
און צוויי טיף־געבויגענע קעפּ האָבן זיך
נאָך טיפער אַרונטערגעלאָזן.

איצט וועל איך מתוודה זיין זיך אויף די זינד,
וואָס איך בין באַגאַנגען אין לעבן.
מיין מיידלשאַפט האָט דער לאָרד מאַרשאַל געהאַט,
אים האָב איך זיך איבערגעגעבן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד,
פאַרגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מאַרשאַל ער ציטערט אַזוי ווי אַ בלאַט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

אַ צווייטע זינד בין איך באַגאַנגען דערנאָך,
וואָס איך וויל, איר זאָלט פון איר וויסן:
ניט איינמאָל געפּרוואווט האָב איך שרעקלעכן סם
אין כוס פון דעם קעניג צו גיסן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד,
פאַרגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מאַרשאַל ער ציטערט אַזוי ווי אַ בלאַט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

אַ דריטע זינד בין איך באַגאַנגען דערנאָך,
וואָס זי איז אַ סוד אויך פאַרבליבן:
דעם קעניגס געליבטע האָב איך מיט מיין סם
פריצייטיק אין קבר פאַרטריבן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד,
פאַרגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מאַרשאַל ער ציטערט אַזוי ווי אַ בלאַט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

און זעט איר דאָס יינגל, וואָס שפּרינגט דאָרט אַרום,
לויפט לייכט, ווי ער וואָלט עס גאָר שוועבן,
דאָס יינגל האָב איך פון לאָרד מאַרשאַל געהאַט,
און ליב איז ער מיר ווי מיין לעבן.

און זעט איר אַ יינגל אַ קלענערס דערביי,
וואָס שפּרינגט דאָרט און האַלט אין איין יאָגן,
דאָס קינד איז דעם קעניגס און איך האָב אים פיינט,
איך קען אים צומאָל ניט פאַרטראָגן.

אַ קאָפּ האָט דאָס ייִנגל אַזוי ווי אַן אָקס,
אַ נאָז האָט עס פּונקט ווי אַ האָרן.
דאָ ענטפערט דער קעניג: — דערווייל איז נאָך ניט
קיין שענערס געבאָרן געוואָרן.

ער וואַרפט גיך דעם פּריסטערשן מאַנטל אַראָפּ.
בלייבט שטיין אין די קליידער די רויטע.
מיט ווילדע געשרייען די מלכּה שפּרינגט אויף,
און פאַלט אויפן בעט אום אַ טויטע.

אַריבערן אַקסל דער קעניג קוקט בייז,
און האָט בייז אַ שמייכל געגעבן:
— לאָרד מאַרשאַל, ווען כ׳גיב ניט מיין וואָרט וואָלסטו זיך
געזעגנט אַצינד מיט דיין לעבן.

דער טויטער חתן

אַ גייסט איז געקומען צו מאַרגאַרעטס הויז
אַמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט,
און ער האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט אין דער טיר, —
די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.

פון פינצטערן שלאָס טראָגט אַ קול זיך אַרויס:
„ווער קלאַפּט דאָס ביינאַכט אין מיין טיר?
ביסטו עס מיין פאָטער, מיין ברודער, צי גאָר
מיין ווילי קומט אפשר צו מיר?"

„אַריין וויל ניט פיליפּ, דיין פאָטער, צו דיר,
און ניט ברודער דזשאָן קלאַפּט אין טיר,
דאָס איז דאָך דיין חתן, דיין ווילי, וואָס איז
פון שאָטלאַנד געקומען צו דיר.

אָ, מאַרגאַרעט זיסע, מיין כלה, מיין פרייד,
כ'וויל ווידער איצט הערן דיין קול,
נאָר גיב מיין פאַרשפּרעכן און ס'וואָרט מיינס צוריק,
וואָס כ'האָב דיר געגעבן אַמאָל."

„דיין וואָרט און פאַרשפּרעכן, זיי בלייבן ביי מיר,
איך וועל זיי ערשט אָפּגעבן דיר
ווען דו וועסט אין קאַמער אין מיינעם אַריין,
און וועסט זיך צוקושן מיט מיר."

„איך בין דאָך אַ טויטער, איך לעב דאָך ניט מער,
ווי זאָל איך אין קאַמער אַריין?
און זאָל איך מיט דיר זיך צוקושן, וועסטו
גישט זען מער גאָטס ליכטיקע שיין.

אַ, מאַרגאַרעט זיסע, מיין כלה, מיין פרייד,
כ'וויל ווידער איצט הערן דיין קול,
נאָר גיב מיין פאַרשפּרעכן און ס'וואָרט מיינס צוריק,
וואָס כ'האָב דיר געגעבן אַמאָל."

„דיין וואָרט און פאַרשפּרעכן, זיי בלייבן ביי מיר,
איך וועל זיי ערשט אָפּגעבן דיר
ווען דו וועסט באַקומען אַ גאָלדענעם רינג
און גיין צו דער חופּה מיט מיר."

„אַ, מאַרגאַרעט זיסע, מיין כלה, מיין פרייד,
איך קען צו דער חופּה ניט גיין,
איך בין דאָך אַ גייסט בלויז, אויף יענער זייט ים
באַגראָבן ליגט לאַנג מיין געביין."

זי שטרעקט אויס פון פענצטער אַ שניי ווייסע האַנט,
איר שטימע ווי זילבער קלינגט העל:
„נעם, ווילי, דיין וואָרט און דיין שבועה צוריק,
און רו זאָל גאָט שענקען דיין זעל."

אַ וואָרף געטאָן האָט זי דאָס קליידל אויף זיך
אַ ביסל אַריבער די קני,
און הינטער דעם טויטן אין מיטן דער נאַכט
געגאַנגען, געגאַנגען איז זי.

„אַ, ווילי, איז אפשר דאָ פּלאַץ ביי דיין קאָפּ,
איז דאָ כאָטש צופוסנס ביי דיר ?
אַ, ווילי, איז אפשר דאָ אָרט ביי דיין זייט,
אַ ביסעלע אָרט כאָטש פאַר מיר ?"

„אָ, מאַרגאַרעט זיסע, ניטאָ מער קיין פּלאַץ
צופוסנס, צוקאָפּנס ביי מיר,
מיין קבר געמאַכט איז פאַר מיר בלויז אַליין,
קיין אָרט איז ניטאָ דאָרט פאַר דיר."

עס הערט מיטאַמאָל זיך אַ קריי פון אַ האָן,
און באַלד האָט אַ צווייטער געקרייט. —
„אָ, מאַרגאַרעט זיסע, כ'קען מער דאָ ניט זיין,
דו זעסט דאָך, די נאַכט — זי פאַרגייט."

און מער האָט דער גייסט שוין קיין וואָרט ניט גערעדט,
איז ערגעץ־וואו פלוצים אַוועק.
„אַנטלויף ניט, מיין חתן, אַנטלויף ניט פון מיר,"
האָט זי זיך צעשריען אין שרעק.

אַ שליידער געטאָן האָט זי זיך אויף דער ערד,
אַ ווייסקייט איר פּנים באַפאַרבט,
זי מאַכט אירע אויגן די ליכטיקע צו,
און ציט אויס די גלידער, און שטאַרבט.

דערליידיקער זאָטל

איבער דעם באַרג, און דעם פעלד, און דעם טאָל
האָט זיך דזשאָרדזש קעמבעל געלאָזן אַמאָל.

זעצט זיך אין זאָטל, די לייצעס אין האַנט,
דריקט איין די שפּאָרן און לאָזט זיך גאַלאַנט.

לאָזט זיך אין וועג מיט אַ פריילעכן בליק.
ס׳פערד קומט מיט ליידיקן זאָטל צוריק.

רייסט זיך זיין מוטער, זיין אַלטע, די האָר,
וויסט זיך די האָר און פאַרשילט אירע יאָר:

„הויך אין דעם זאָטל געלאָזט זיך האָט ער, —
כ׳זע בלויז דאָס פערד זיינס, אים זע איך ניט מער!"

יונג איז די פרוי פון לאָרד קעמבאַל און שיין,
ברעכט אירע הענט און פאַרגייט אין געוויין:

„ס׳איז ניט געשניטן מיין ווייץ און מיין קאָרן,
ס׳הויז ניט דערבויט, און מיין קינד ניט געבאָרן" —

און מיט דעם ליידיקן זאָטל דאָס פערד
בויגט איין נאָך טיפער זיין קאָפּ צו דער ערד.

דער ריטער — ער שמייכלט . . .

דער ריטער, ער שמייכלט: ווי אַנדערש, ווי דען?
איך האָף, אַז דאָס וועט נאָך היינט אָוונט געשען.

דו דאַרפסט מיר בלויז ענטפערן ריכטיק און קלאָר
אויף פראַגן, וואָס איך וועל דיך פרעגן אַ פּאָר.

דו זאָג מיר, וואָס קען נאָך זיין טיפער פון ים?
און זאָג מיר, וואָס גיפטיקער קען זיין פון סם?

— די ליבע, די ליבע איז טיפער פון ים,
די קנאה איז גיפטיקער מער נאָך ווי סם.

— און זאָג מיר, וואָס רעשיקער איז פון אַ האָרן,
און וואָס איז נאָך שאַרפער פון שטעכיקן דאָרן?

— דער דונער איז רעשיקער מער פון אַ האָרן,
דער הונגער איז שאַרפער פון שטעכיקן דאָרן.

די טראַגעדיע פון דער פאַמיליע דאָגלאַס

לאָרד דאָגלאַס, לאָרד דאָגלאַס, קיין רגע פאַרליר,
נעם וואָפן און לאָז זיך אַרויס!
זאָל קיינער ניט זאָגן, אַז אונזערס אַ קינד
אַנטלאָפן ביינאַכט איז פון הויז.

און איר, זיבן זין מיינע, גלייך צו די פערד,
און לאָזט זיך נאָך זיי אין געיעג,
און זעט, אייער יינגערע שוועסטער זאָל כאָטש
ניט גיין אין דעם זעלביקן וועג!

ער זעצט זי אַרויף אויף אַ מילך־ווייסן פערד,
און גרויס איז דאָס פערד, וואָס ער רייט.
זיי רייטן און ריידן צו זיך ניט קיין וואָרט, —
אַ יאַגד־האָרן הענגט ביי זיין זייט.

לאָרד וויליאַם קוקט אָפטמאָל אויף הינטער זיך אום
און האָט אין דער פינצטער דערזען:
עס יאָגן אַכט מענטשן נאָך אים זיך אַצינד, —
זיי זיינען שוין נאָענט געווען.

— מיין ליידי, שטייג גיכער אַרונטער, — זאָגט ער, —
און נעם אָן מיין פערד פאַרן צוים.
קוים האַלט איך ניט איין זיי, פאַרלאָרן בין איך,
און גיכער, קיין רגע פאַרזוים!

זי נעמט מיט איר מילך־ווייסער האַנט אָן זיין פערד,
עס גיט זיך קיין קרים ניט איר מויל,
ביז לעבן די ברידער דער פאָטער פאַלט אויך,
דערשאָסן אויף טויט פון אַ קויל.

— לאָרד וויליאַם, לאָרד וויליאַם, הער אויף! —שרייט זי אויס,—
און דו, גאָט, באַשיץ מיך, באַהיט!
אַ ליבסטן געפינען קען איך נאָך אַמאָל,
אַ פאָטער מער קיינמאָל שוין ניט.

און זי האָט גענומען אַ שניי־ווייסן טוך
פון פיינסטן און איידעלסטן לייוַ,
די וואונדן פון פאָטער ווישט זי מיט אים אויס,
זיי זיינען נאָך רויטער פון וויין.

— קלייב אויס, ליידי מאַרגאַרעט,—לאָרד וויליאַם זאָגט איר,—
צי בלייבסטו, צי גייסטו מיט מיר?
— לאָרד וויליאַם, כ׳וועל גיין דאָרט אַוואו דו וועסט גיין,
כ׳האָב גאָרנישט שוין איצט אויסער דיר.

ער זעצט זי אַרויף אויף דעם מילך־ווייסן פערד,
און גרוי איז דאָס פערד, וואָס ער רייט,
אַ יאָגד־האָרן הענגט ביי דער זייט אים אַראָפּ, —
די ליידי, זי רייט ביי זיין זייט.

עס שווימט די לבנה אין הימל אַרום,
פאַרחלומט און מילד איז איר שיין —
זיי זעען: עס שלאָגט פון דער וייטן אַ קוואַל,
און האַלטן די פערד זיי׳רע איין.

עס ווילט זיך זיי טרינקען, זיי שטעלן זיך אָפּ,
זיי גייען אַראָפּ פון די פערד,
און ווי ס׳בויגט לאָרד וויליאַם זיך צו נאָר צום קוואַל —
דער קוואַל אַ פאַרבלוטיקטער ווערט.

לאָרד וויליאַם, לאָרד וויליאַם, — די ליידי שרייט אויס, —
דו ביסט דאָך פאַרוואונדעט אויף טויט.
— מילײדי, דאָס שיינט אָפּ מיין מאַנטל אין קוואַל,
און ווייסט דאָך, מיין מאַנטל איז רויט.

ער זעצט זי אַרויף אויף דעם מילך־ווייסן פערד,
און גרוי איז דאָס פערד, וואו ער רייט,
אַ יאַגד־האָרן הענגט ביי דער זייט אים אַראָפּ,
עס זעט זיך אַ שלאָס פון דער ווייט.

עס לייכט און באַלייכט די לבנה דעם וועג,
די ליידי וויגט שטיל מיטן קאָפּ.
שטיל נענטערן ביידע זיך צו צו דעם שלאָס,
דאָרט שטייגן זיי ביידע אַראָפּ.

— וואַך אויף, ליידי מוטער,—לאָרד וויליאַם שרייט אויס,—
וואַך אויף, ליידי מוטער, — שרייט ער, —
דעם קאַמף פאַר מיין ליבסטער געוואונען האָב איך,
און איך האָב געבראַכט זי אַהער.

— און מאַך, ליידי מוטער, דאָס בעט מיינס,—זאָגט ער,—
און מאַך, ליידי מוטער, עס גיך.
און לייג ליידי מאַרגאַרעט מיר ביי דער זייט,
אַז שלאָפן געשמאַקער זאָל איך.

לאָרד וויליאַם אין ליידן אין שרעקלעכע איז
געשטאָרבן אין מיטן דער נאַכט,
און ס'האָט אירע אויגן אין גרויען באַגין
די ליידי אויף אייביק פאַרמאַכט.

און זייערע קברים, וואָס זיינען ביינאַנד,
זיך טיילן פון אַנדערע אויס:
עס שפּראָצט אויס פון קבר פון זיינעם אַ שטרויך,
פון אירן — אַ בלוט־רויטע רויז.

ביי זייערע קברים ניט איינער בלייבט שטיין
געבויגן אין הייליקן וויי:
אַ, גאָט, אַלע טרייע געליבטע גיב שוין
אַ בעסערן מזל ווי זיי!

באַרבאַראַ אַלען

עס איז געווען אין בונטן הערבסט,
ווען בלעטער פון די בוימער פאַלן;
געוואָרן איז דזשאַן גראהאם קראַנק
פון ליבע צו באַרבאַראַ אַלען.

עס קומען שלוחים אָן פון אים:
ס'איז אונזער הער פאַרלאָרן!
קום, ליידי קום, מאַך אים געזונט,
ר'איז קראַנק נאָך דיר געוואָרן.

די ליידי איז אין שלאָס אַריין,
צום קראַנקן צוגעגאַנגען:
„דזשאַן גראהאם, דו לאָזט רופן מיך?
זאָג, וואָס איז דיין פאַרלאַנגען?"

„איך לאָז דיך רופן, כ'בין אין האַרבסט
און אַלע בלעטער פאַלן.
האָסטו קיין לעצטעס וואָרט פאַר מיר?
איך שטאַרב, באַרבאַראַ אַלען".

„דזשאַן גראהאם, כ'האָב אַ לעצטעס וואָרט,
דו ביסט געווען מיין לעבן:
דו גיסט מתנות אַנדערע,
האָסט גאָרנישט מיר געגעבן.

„דזשאַן גראַהאַם, אויב דו האָסט מיך ליב
אַ, גלויב, איך האָב דיך ליבער:
דאָך דו פּלעגסט שמייכלענדיקערהייט
מיך שטענדיק גיין פאַריבער.

נאָר דאָס געווען איז אַמאָל,
היינט האָט זיך אַלץ געביטן:
איצט שמייכל איך און דו גאָר ליידסט, —
אַזוי האָב איך געליטן.

זי גייט אַהיים. אַ מייל צי צוויי,
דערהערט זי גלאָקן שאַלן.
זי זאָגט: די גלאָקן קלינגען פאַר אים,
פאַר אים און — באַרבאַראַ אַלען.

„בעט, מאַמע, מיר אַ קבר אויס
טיף אונטער בוימער פאַרבאָרגן:
דזשאַן גראַהאַם איז היינט געשטאָרבן פאַר מיר
און איך שטאַרב פאַר אים מאָרגן.“

אַמעריקאַנער און אַנדערע
פֿאָלקס־באַלאַדן



1. דזשאָו באַווערס.
2. דער איינזאַמער קאַו-באָי.
3. דזשעסי דזשעימס.
4. זשערמעין.
5. דעם שיינקערס טעכטערל.
6. די נקמה.
7. דער פילגער פֿון סט. יוסט.

דזשאָו באַוערס

מיין נאָמען איז דזשאָו באַוערס,
איך האָב אַ ברודער אײק,
און פון מיזורי קום איך,
איך קום פון ווייטן פּייק.
איך האָב מיין היים פאַרלאָזן, —
פאַרוואָס און ווי אַזוי,
דאָס וועל איך, ברידער מיינע,
דערציילן באַלד געטרײַ.

כ׳האָב ליב געהאַט אַ מיידל
און סאַלי בלעק הייסט זי;
איך האָב געוואָלט זי נעמען,
זאָגט סאַלי: „ס׳איז צו פרי״.
„דזשאָו באַוערס, — זאָגט זי, — איידער
אין לעבן ווערסט פאַרדרייט,
זע, אַז דיין קליינטשיק ווייבל
ניט ליידן זאָל קיין נויט״.

„געקערעכט, — זאָג איך, — איז סאַלי,
גערעכט, מיין איינציק גליק,
איך גיי קיין קאַליפאָרניע,
און קום מיט גאָלד צוריק״.
זי זאָגט: „דזשאָו באַוערס, בעסערס
פון דיר קאָן גאָר ניט זיין,

דערווייל דערלאַנג אַ קוש מיר״, —
איך האַק אַ טוץ אַריין.

כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן
מיט איר מיין לעצטן טאָג,
ס׳דריקט סאַלי מיך צום האַרצן,
און איך, איך וויין און קלאָג.
און יעדער אויסגעבראָכן
האָט אין אַ גרויס געוויין,
ווען כ׳האָב געלאָזט פון פייק זיך
קיין קאַליפאָרניע גיין.

כ׳בין דאָ אַהער געקומען
אָן אַ שטיקל ברויט,
אַ לאַנגע צייט געבעטן
האָב איך אויף זיך דעם טויט.
דערנאָך גענומען גראָבן,
לאָז זיך אין גרוב אַראָפּ ;
דער קלאַפּ פון האַמער מיינעם
קלינגט אין דער געגנט אָפּ.

געאַרבעט אָן אַן אויפהער,
געאַרבעט טאָג און נאַכט.
ס׳טוט דאָס דזשאָו פאַר סאַלין,
האָטס אים ניט אויסגעמאַכט.
ס׳האָט צוגעשפּילט דאָס מזל,
ווי ס׳זאָגט אייך קלאָר מיין גאָלד —
איך אַרבעט דאָך פאַר סאַלין,
יואָס כ׳האָב ווי ס׳לעבן האָלט.

אַ בריוו איז אָנגעקומען
פון ליבן ברודער אײַק,
דער בריוו קומט פון מיזורי,
ער קומט פון ווײַטן פײַק.
וואָס ס׳איז אין בריוו געשטאַנען,
דערציילן איז מיר שווער;
מײַן האַרץ ווערט מיר צעריסן —
זײַט מוחל מיר מײַן טרער.

כ׳וועל אַלץ דערציילן, ברידער,
וואַרט אויס נאָר אַ מינוט.
ווען כ׳האָב דעם בריוו געלעזן
איז דזשאָו געווען קאַפּוט.
די קני זיך נעמען בויגן,
איך רײַס די האָר פון קאָפּ.
אויך איצט ווען איך דערמאָן עס —
נעמט זיך די צונג מיר אָפּ.

עס שטייט אין בריוו, אַז סאַלי
צוריק נאָך מיט אַ יאָר
גענומען האָט אַ קצב
מיט פײַער־רויטע האָר.
וואָס ווײַטער איז געשטאַנען
האָט שיר געמאַכט מיר בלינד, —
זי האָט אַ קינד געבוירן,
און רויטע האָר האָט ס׳קינד.

ס׳איז ניט קיין בייזער חלום,
אָ, ברידער, ס׳איז די וואָר,

מיין סאַלי איז אַ קצבס,
איר קינד האָט רויטע האָר.
אַ יינגל צי אַ מיידל ? —
איך האָב ניט קיין באַגריף !
בלויז, אַז ס׳האָט רויטע הערלעך
געשטאַנען איז אין בריוו.

דער איינזאַמער קאָו-באָי

איך האָב ניט קיין טאַטן,
איך האָב ניט קיין טאַטן,
איך האָב ניט קיין טאַטן,
וואָס זאָל מיר קויפן קליידער.

איך בין אַן איינזאַמער, עלנטער קאָובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנטער קאָובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער עלנטער קאָובאָי—
פאַרוואָרפן ווייט פון דער היים.

איך האָב ניט קיין מאַמע,
איך האָב ניט קיין מאַמע,
איך האָב ניט קיין מאַמע,
וואָס זאָל מיר די קליידער פאַרריכטן.

איך האָב ניט קיין שוועסטער,
איך האָב ניט קיין שוועסטער,
איך האָב ניט קיין שוועסטער,
וואָס זאָל זיך שפּילן מיט מיר.

איך האָב ניט קיין ברודער,
איך האָב ניט קיין ברודער,
איך האָב ניט קיין ברודער,
וואָס זאָל מיט מיר טרייבן די אָקסן.

איך האָב ניט קיין כלה,
איך האָב ניט קיין כלה,
איך האָב ניט קיין כלה,
וואָס זאָל מיט מיר זיצן און שמועסן.

איך בין אַן איינזאַמער, עלנטער קאָובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנטער קאָובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער עלנטער קאָובאָי—
פאַרוואָרפן ווייט פון דער היים.

דזשעסי דזשעימס

דזשעסי דזשיימס אין לעבן זיינעם האָט אַ סך אָוועקגעלייגט,
און באַרזיבט די דעגנוויל באַן האָט ניט קיין אַנדערער ווי ער,
דאָך אַ שמוציקער פאַררעטער האָט געטריבן אים אין קבר, —
דזשעסי, דזשעסי, אונזער דזשעסי לעבט שוין איצט ניט מער!

דזשעסי האָט אַ ווייב, וואָס וויינען וועט אויף זיין פאַרשניטן לעבן,
דזשעסי לאָזט נאָך זיך דריי קינדער, קינדער בראַוו און שיין.
אָבער ס'איז געוועזן באַשערט אים, לייגן זאָל מען אין דער ערד אים
דורך דער האַנט פון אַ פאַרעטער, דורך אַן עקלדיקן פייגלינג.

ראָבערט פאָרד, אָט דער פאַררעטער, אָט דער עקלדיקער פייגלינג,
דורך זיין פאַלשער האַנט געפאַלן איז דאָך אונזער דזשעסי טויט!
מיאוסער פייגלינג! דו ביסט דאָך אין דזשעסיס בעט געשלאָפן,
מיאוסער פייגלינג! דו האָסט דאָך געגעסן דזשעסיס ברויט!

שווער געוועזן איז דזשעסין קוקן אויף די ליידן פון אַ צווייטן,
דזשעסי איז געוועזן אַ חבר און אַ פריינט פון אָרעמאַן,
מיט זיין ברודער פרענק צוזאַמען די שיקאַגע־באַנק באַגנבעט
און באַרויבט דערנאָך אין גלענדייל האָבן זיי די באַן.

די גאַלאַנטין־באַן באַגנבעט, דאָס האָט פרענק, דער ברודער זיינער,
און זיך אָפּגעטראָגן האָט ער פונם שטעטל מיטן געלט.
און די ברידער האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אַ קורצע ווײלע
און אָוועקגעשיקט דעם שעריף אויף דער אמתדיקער וועלט.

און נאָך אײדער די לוויה פֿון דעם שעריף איז געװעזן,
האָבן זײ די זעלבע מעשה אָפּגעשפּילט ניט װײַט פֿון דאָ;
אין געפֿאַר פֿאַרלירן ס׳לעבן, האָט דער װעכטער אָפּגעגעבן
זײַנע שליסלען די באַנדיטן פֿרענק און דזשעסי דזשײמס.

שבת־נאַכט, װען דזשעסי איז זיך שטיל אין שטוב געזעסן
און געשמועסט מיט די קינדער און זײַן יונגן װײַב,
גנבעט ראָבערט פֿאָרד אַרײַן זיך, װי אַ גנב אין דער פֿינצטער,
און מיט קוילן אויסגעלעכערט האָט ער דזשעסיס לײַב.

ביל גאַשייד פֿאַרפֿאַסט האָט ס׳לידל, װאָס איר לעזט עס דאָ אַצינדערט,
װי די טרויעריקע נײַעס האָט זיך נאָר בײַ אונדז פֿאַרשפּרייט.
בילי זאָגט, אַז ניט פֿאַראַנען אויף דער גאַנצער װעלט אַ מענטש איז,
װאָס װאָלט קענען פֿאַנגען דזשעסין לעבעדיקערהייט.

זשערמעין

(אַלט־פראַנצויזישע פאָלקס־באַלאַדע)

זשערמעין איז איין פרימאָרגן
אַרויס אויף אַ שפּאַציר,
און פּלוצים דריי מאַטראָזן,
זיי וואַקסן אויס פאַר איר.
— עס פרייט אונז, פריילין, וואָס איך
באַגעגנט האָבן מיר.

— כ׳בין לאַנג שוין ניט קיין פריילין,
כ׳האָב איך בין אַן אַ מאַן,
זייט ר׳איז אַוועקגעפאָרן
איז זעכצן יאָר פאַראַן.
ניט לאַנג בין איך געוועזן
צוזאַמען מיט מיין מאַן.

— וועט איר אונז אפשר נעמען
צו זיך אַהיים? אַ יאָ?
— ניין, הערן, אין מיין צימער
איז גאָר קיין פּלאַץ ניטאָ.
כ׳וועל טריי מיין מאַן פאַרבלייבן
ביז ס׳שלאָגט מיין לעצטע שעה.

(מאַטראָזן — צו זשערמעינס שוויגער).

— וואָלט איר, געערטע דאַמע,
גענומען אונז צו זיך?
— געוויס! כ׳האָב ווייניגן גוטע
און פלאַץ אַ סך האָב איך!
און אויב אייך ווילט זיך פרויען,
וועט איר זיי האָבן גיך.

— אַ דאַנק פאַר אייער גוטסקייט.
מען קען ניט בעסער זיין,
דאָך וועלן מיר ניט שלאָפן,
ניט טרינקען אייער וויין,
אויב ס׳וועט זשערמעין ניט קומען
און וועט מיט אונז ניט זיין.

(די שוויגער צו זשערמעין).

— גוט מאָרגן, שנור דו ליבע,
דריי פיינע געסט האָב איך,
דאָך וועלן זיי ניט שלאָפן,
ניט נעמען וואָס איז מויל,
אויב וועסט צו זיי ניט קומען, —
זיי ווילן האָבן דיך...

לודוויג אולאַנד

דער שענקערינס טעכטערל

דריי וואַנדערער וואַנדערן איבער דעם רהיין,
זיי גייען אַלע אין אַ שענק אַריין:

„באַלעבאָסטע, האָט איר גוטן ביר און ווײַן?
און וואו קען איצט אייער טעכטערל זיין?“

„ס'איז פריש און קלאָר מיין ווײַן און ביר,
מיין טאָכטער איז געשטאָרבן מיר

און באַלד וועט איר לוויה זיין.“
זיי זיינען אין דער שטוב אַריין.

דער ערשטער דעקט איר פּנים אָפּ
און שאָקלט טרויעריק דעם קאָפּ:

„ווען איך וואָלט פריער דיך געזען,
געליבט וואָלסטו פון מיר געווען.

דער צווייטער דעקט זי צו צוריק,
זיין פּנים — בלאַס און פייכט זיין בליק:

„כ'האָב דיך געליבט אַזוי פיל יאָר
און איצט געשטאָרבן ביסטו גאָר.“

דער דריטער דעקט זי ווידער אָפּ
און קושט איר מויל, און קושט איר קאָפּ:

„כ׳בין טרײַ געווען און טרײַ דיר זײַן
וועל איך אויך ביזן גרוב אַרײַן.“

לודוויג אולאַנד

די נקמה

אַ קנעכט האָט דערשטאָכן זיין אײדעלן הער,
אַ ריטער צו ווערן, דאָס איז זיין באַגער.

ער שטעכט אים אַ מעסער אין האַרצן אַריין,
דעם קערפּער דעם טויטן געוואָרפן אין רהיין.

און טוט אָן דעם פּאַנצער און טוט אָן די שווערד,
לאָזט רייטנדיק זיך אויפן ריטערשן פערד.

„און ווען ער וויל שפּרינגען אַריבער דעם בריק,
שטעלט זיך דאָס פערד און עס שטויסט אים צוריק.

ער דריקט איין די שפּאָרן; דאָס פערד וואַרפט
אים גלייך
אַראָפּ אינם טיפן און רוישיקן טייך.

און פּרוּווט ער זיך רעטן, דאָן זינקט ער נאָך מער,
פאַר אים איז דער ריטערשער פּאַנצער צו שווער.

אויגוסט פאַן-פּלאַטען

דער פּילגער פאַר סט. יוסט

נאַכט איז, שטורמען רוישן איבער מיר.
שפּאַנישע מאָנאַכן, עפנט מיר די טיר!

מיד בין איך פון וואַנדערן, לאָזט מיך דאָ
רוען ביז עס קומט פון תּפילה־טאָן די שעה.

אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט נאָר, מאַכט מיר גרייט:
אַ סאַקראַפאַג און אויך אַן אָרדן־קלייד.

גרייט פאַר מיר אַ צעל אַן, קליין און שמאָל, —
אַ האַלבע וועלט האָט מיר געהערט אַמאָל.

דעם קאָפּ, וואָס בויגט אַצינד זיך שווער,
אַ קרוין בעדיאַדעמט האָט ביז אַהער.

ס'האָט קייזערלעכער הערמאַלין באַצירט
דעם שולטער, וואָס אין קיטל זיך פאַרלירט.

איצט בין איך פאַרן טויט צו טויטע גלייך
און פאַל אין שטויב פאַנאַנדער, ווי דאָס אַלטע רייך.

פֿון דער וועלט־ליריק



2. יאָזעף אייכענדאָרף —
אָוונטיק רוישט דער וואַלד.
לאָרעליי.
אויפֿן טויט פֿון מיין קינד.

3. גוסטאַוו פֿאַלקע —
אין דיין ליבער נאָהענטקייט.

4. פֿ. סאָלאָגוב —
איך וויל נישט...
אין דיין טיר.
דער קרוין פּרינץ.

5. אָטאָ-יוליוס בירנבוים —
אָפּט אין דער שטילער נאַכט.

6. היינריך היינע —
פֿינף לידער.

7. אַנאַטאָל פֿראַנס —
אַ הימן.

יאָזעף אייכנדאָרף

אָוונטיק שוין רוישט דער וואַלד...

אָוונטיק שוין רוישט דער וואַלד,
אַלץ נעמט שטילער ווערן,
און אין הימל וועט גאָט באַלד
אָנצינדן די שטערן;
וואו זאָלסט ווענדן זיך און קערן,
אָוונטיק שוין רוישט דער וואַלד.

אַלעס גייט זיך צו זיין רו,
יעדער קלאַנג — פאַרגאַנגען;
קוקט מיט שרעק דער וואַנדרער צו,
וואָלט אַהיים געגאַנגען.
דאָ אין וואַלד, מיט אַלע קלאַנגען,
האַרץ מיינס, דרימל איין אין רו.

יאָזעף אייכנדאָרף

לאָרעליי

עס איז שוין שפּעט, עס ווערט שוין קאַלט,
וואָס רייטסטו איינזאַם דורך דעם וואַלד?
דער וואַלד איז טיף, דו ביסט אַליין,
איך וועל מיט דיר צוזאַמען גיין.

„עס נאַרן מענער, כ'גלויב ניט דיר,
פון פּיין איז ס'האַרץ צעבראָכן מיר,
נאָך בלאָנדזשען קולות הער און הין,
אַנטלויף! דו ווייסט ניט, ווער איך בין".

דאָס פערד — פאַרפּוצט, אויך זי אַליין,
דער יונגער לייב — ווי וואונדערשיין.
איצט קען איך דיך — גאָט שטיי מיר ביי! —
ביסט די מכשפה לאָרעליי.

„דו קענסט מיך גוט — פון באַרג שוין לאַנג,
מיין שלאָס צום רהיין קוקט שטיל און באַנג.
איצט איז שוין שפּעט, באַלד ווערט שוין קאַלט,
קומסט קיינמאָל מער אַרויס פון וואַלד."

יאָזעף אייכנדאָרף

אויפן טויט פון מיין קינד

די ווייטע זייגערס שלאָגן,
עס איז שוין טיפע נאַכט;
ווי פינצטער ברענט דאָס לעמפּל,
דיין בעטל איז געמאַכט.

דער ווינט אַ ווייַנענדיקער
נאָר גייט אַרום דעם הויז,
מיר זיצן שטיל און איינזאַם,
און האָרכן אָפּט אַרויס.

עס איז, ווי דו אַ שטילער,
געקלאַפּט וואָלסט איצט אין טיר,
דו האָסט זיך נאָר פאַרבלאָנדזשעט,
קומסט מיד צוריק צו מיר.

אָ, מיר, נאַראָנים, בלאָנדזשען
אין פינצטערניש און שרעק,
ווען דו פון לאַנג געפונען
האָסט שוין אַהיים דעם וועג.

גוסטאַוו פאַלקע

אין דיין ליבער נאָענטקייט

און אין דיין ליבער נאָענטקייט,
ווי קלאַפּט מיין האַרץ פאַר פרייד!
איך ווער צוריק אַ ייִנגל, —
די עלטער האָט פאַרוויית.

עס מאַכט מיך יונג דיין יוגנטס
זוניקער פרילינג־הויך.
איך האָב דיך ליב. אין דרויסן
בליִען די רויזן אויך...

אָ, חלום פון טעג, פון גאָלדענע!
האַרץ, ס'איז געווען אַמאָל.
אָוונט־וואָלקן וואַנדערן
איבער מיין יוגנט־טאָל.

פ. סאַלאַגוב

איך וויל נישט . . .

איך וויל נישט גיין צו זיך... און גליקלעך
וויל איך נישט זיין.
מיט דיר נאָר, משחית, וויל איך לעבן
אין טרויער, פּיין.

פון רוישיק לעבן און פון מענטשן
גיי איך צוריק.
און מיט דיין איינגעצוימטן טרויער
שוין פלאַמט מיין בליק.

פון שטומע קוואַלן און פון פיינען
ווער איך פאַרברענט.
מיין גאַנצע וועלט — דאָס איז דיין תפיסהס
פיר שמאָלע ווענט.

פ. סאָלאָגוב

און דיין טיר . . .

און דיין טיר עפן ברייט,
אַרום הויז גיי אַרום, אַלץ באַטראַכט.
זע, אַן אומרו זיך שפּרייט.
אוי, ניט שלאָף, אוי, ניט שלאָף היינט ביינאַכט!

אפשר פּלוצים אַ שטים
רופט נאָך הילף, אַ פאַרשטיקטע פון שרעק —
וועסטו העלפן דאָן אים?
וועסט זיך לאָזן אין טונקעלן וועג?

אוי, ווי וואַכט מען דאָס ניט!
דו פאַרנעם: האַלבע נאַכט. ביי דער וואַנט
הערסטו וואַקליקע טריט.
עמיץ רופט, עמיץ בעט נאַכאַנאַנד — — —

בלייב צעשראָקן ניט שטיין!
נעם די לאָמפּ, לאָז זיך גלייך צו דיין טיר.
כאָטש וועסט פאַלן אַליין,
דאָך דו העלף דעם, וואָס בעט זיך ביי דיר.

פ. סאַלאַגוב

דער קרוינפּרינץ

זעצט זיך אונזער קרוינפּרינץ
אויף זיין יונגן פערד;
האָבן מיר פון קרוינפּרינץ
ליבע רייד דערהערט:

ס׳וועט די שווערד מיין בליצן,
ווי אַ פייער־פלאַם,
ביז די וועלט באַזיצן
וועל איך אַזש צום ים.

יאָרן פליען... ס׳טראָט זיך
עמיץ דאָ אַהער.
אוי, ווי גיך ער טראָגט זיך,
אַטעמט טיף און שווער.

— ס׳האָט דער פיינט געוואונען,
אונז צעשלאָגן גלייך:
איך בין בלויז אַנטרונען,
אַנצוזאָגן אייך.

— העלדיש אונזער קרוינפּרינץ
אויפן שלאַכט־פעלד שטייט. —
— וואו־זשע איז דער קרוינפּרינץ?
— ר׳איז געפאַלן טויט.

אָטאָ-יוליוס בירבוים

אָפּט אין דער שטילער נאַכט . . .

אָפּט אין דער שטילער נאַכט,
ווען אַלעס רואיק וויִיט ;
די האַלב-לבנה בלייך
אין שוואַרצן הימל שטייט ;

און ס׳האַרץ איז אָן באַגער,
און קלאָר און ריין דער בליק,
פירט מיין נשמה מיך
אין קינדערלאַנד צוריק.

און כ׳זע, ווי איך פלעג מיר
אויף קליינע פיסלעך גיין ;
און כ׳הער מיין אייגן קול,
ווי קלאָר עס קלינגט און ריין.

און כ׳זע מיר מיינע הענט,
און כ׳זע מיין קינדער־אויג ;
און קוקנדיק אַזוי,
בויג איך מיין קאָפּ און בויג :

בין איך, בין איך כאָטש ווען
געגאַנגען אַזוי ריין,
ווי איך פלעג מיר אַמאָל
אויף קליינע פיסלעך גיין ?

צי האָט אַמאָל כאָטש ווען
געקלונגען קלאָר מיין קול,
ווי פון מיין קינדערמויל
פלעגטס קלינגען אַלע מאָל?

וועל איך אַן איינציק מאָל
דערזען די זון אַצינד,
ווי איך פלעג זען די זון,
ווען כ׳בין געווען אַ קינד?

אָ, האַלב־לבנה, כ׳קוק
אַרויף צו דיר פאַרטראַכט...
טיף, טיף בין איך באַטריבט
אין דער שטילער נאַכט.

היינריך היינע

פינף לידער

1

אָ, זעט ווי גאָלדיק גלאַנצט דער ים
אין רויטן זונען־שיין: —
ווען איך וועל שטאַרבן, ברידער, זאָל
דער ים מיין קבר זיין.

מיר זיינען נאָ׳נט אַזוי געווען: —
מיין האַרץ פאַרבענקט, באַטריבט,
האָט אָפט זיין זאַנפטער שטראָם געקילט:
מיר האָבן זיך געליבט.

2

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
געווען איז ער אַלט שוין און מאַט;
דער אַלטער, דער אָרעמער מלך,
אַ ווייב האָט אַ יונגס נאָך געהאַט.

אַ פּאַזש איז געווען אַ בלאָנדער,
און יונג, אַזוי יונג נאָך און שיין.
פלעגט טראָגן די שלעפּ פון דער מלכה,
אַוואו נאָר די מלכה פלעגט גיין.

אָך, קענסטו דאָס לידל דאָס אַלטע,
וואָס הערצער פאַראומערט, באַטריבט?
זיי ביידע געמוזט האָבן שטאַרבן,
זיי האָבן צו שטאַרק זיך געליבט.

3

אַלע טאָג די וואונדער־שיינע
סולטאַנס טאָכטער גייט שפּאַצירן
ביים פאָנטאַן פאַרנאַכט אין גאָרטן,
וואו עס שפּריצט דאָס ווייסע וואַסער.

וואָס אַ טאָג דער שקלאַף דער יונגער,
ביים פאָנטאַן פאַרנאַכט אין גאָרטן,
וואו עס שפּריצט דאָס ווייסע וואַסער,
שטייט אַלץ טרויעריקער, בלייכער...

איינמאָל אַ פאַרנאַכט די פירשטין
ראַש צו אים איז צוגעגאַנגען:
זאָג, איך וויל דיין נאָמען וויסן,
און פון וואַנען, זאָג מיר, שטאַמסטו?

זאָגט דער שקלאַף איר: ס'איז מיין נאָמען
מאַהאָמעד, איך קום פון תימן,
און פון יענע אזראס שטאַם איך,
וואָס זיי שטאַרבן ווען זיי ליבן.

4

איך האָב אַ בת מלכה אין חלום געזען,
ווי בלייך איז איר פּנים און מילד!
די נאַכט איז אַ שטילע, אַ לינדע געווען.
אַ בוים האָט אונזביידן פאַרהילט.

— איך וואָלט ניט דעם טראָן פון דיין פאָטער געוואָלט
און נישט זיין דיאַמאַנטענע קרוין,
איך וואָלט אויך נישט וועלן זיין סצעפּטער פון גאָלד,
דיך, ליבסטע, נאָר וויל איך אַליין.

„דאָס קען דאָך ניט זיין" — זאָגט זי שעפּטשענדיק מיר —
„איך בין דאָך, געליבטער, שוין טויט,
און נאָר ביי דער נאַכט טו איך קומען צו דיר,
ווייל ס'האַרץ מיינס פון בענקשאַפט פאַרגייט."

5

„הייס געליבט אַמאָל דיין האַרץ האָט,
און הייס ליבנדיק האָסטו
פון אַ מיידל אַלץ געזונגען, —
זאָג, וואו איז זי איצטער, וואו ?“

ס׳ליבט מיין האַרץ שוין איצט ניט קיינעם.
און דאָס מיידל — אוי, ניט פרעג !
ס׳איז דאָס ביכל דאָך די אורנע
מיטן אַש פון יענע טעג.

אַנאַטאָל פראַנס

אַ הימן

איך ליב דיך, מיין גאָט, ווייל די ערד, וואו מיר לעבן,
דיין האַנט אָנגעפילט האָט מיט ליכט און מיט פרייד,
דו האָסט איר די הערלעכסטע וואונדער געגעבן
און האָסט זי מיט גאָלד, עמעראַלדן פאַרזייט.

און ליבן דיך וועל איך, ווייל דו האָסט באַשאַפן
די קעניגן זון, וואָס באַלייכט אונזער וועלט,
געגעבן איר גאָלדענע שטראַלן פאַר שקלאַפן,
שטראַלן, וואָס מאַכן דעם טרויער צוהעלט.

פאַר ברידערלעך שטערן און שוועסטער לבנה
דיך ליב איך, באַשעפער, אָן אויפהער אַצינד;
דו גיסט דאָך די וואָלקנדלעך אונז אַ מתנה,
און דו האָסט באַשאַפן דעם ברודער דעם ווינט.

אַ לויב צו דיר, גאָט, פאַרן ברודער דעם פייער,
וואָס איז אַזוי שרעקלעך און דאָך אַזוי גוט,
און פאַר דער דערשלאָגענער, צנועהדיק־טרייער
שוועסטערל וואַסער, וואָס וויגנדיק רוט.

אַ לויב פאַר דער ערד, וואָס באַפוילן צו נערן
דאָס קינד און זיין פאָטער און מוטער האָסטו,

און אויכעט דעם אָרעמען מאַן, וועמעס טרערן
די ווייסע מלאכים, גאָט, טראָגן דיר צו.

פֿאַר ברודערל טויט און פֿאַר שוועסטער דאָס לעבן
דיך לויב איך, ביז ס'שליסן די אויגן זיך מיר,
כדי, ווען כ'וועל שטאַרבן, זאָלסטו, גאָט, מיר געבן
די רו, וואָס פֿאַרוויגט און וואָס ברענגט גלייך צו דיר.

היינריך היינע:
אַטאַ טראָל
(אַ סאַטירע)

מאָטאָ:

פאַר דעם שימערירנדן ווייסן געצעלט,
האָט זיך דער פירשטלעכער מאַר געשטעלט;
פונקט אַזוי האָט פון די וואָלקנס אַרויס
טאַר זיך באַוויזן, גאַר פינצטער און גרויס.

(„דער מאָהרענפירשט" פון
פערדינאַנד פרייליגראַט).

פ אָ ר ע ד ע.

„אטא טראָל" איז ביי מיר אַרויסגעקומען אין די שפּעטער־דיקע וואָכן פון הערבסט 1841 און איז אין קלענערע אָפּשניטן געדרוקט געווען אין דער „עלעגאַנטע וועלט", בעת מיין פריינט לויבע האָט ווידער איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער דאָזיקער צייטשריפט. דער אינהאַלט און דער געבוי פון דעם געדיכט האָבן געמוזט צוגעפּאַסט ווערן צו די שמאָלע באַדערפעניש פון דער צייטשריפט: איך האָב געשריבן נאָר יענע קאַפּיטלען, וועלכע עס איז געווען מעגלעך צו דרוקן, און אויך די האָבן גע־מוזט אויסשטיין געוויסע ענדערונגען. איך האָב געהאַט בדעה שפּעטער דאָס ווערק צו פאַרפולקאָמען און אַרויסגעבן עס אַלס גאַנצקייט, אָבער איך בין געבליבן נאָר ביי דער גוטער מחשבה. עס איז אַלזאָ מיט „אטא טראָל" צוגעגאַנגען אַזוי, ווי מיט אַלע גרויסע ווערק פון די דייטשן, צום ביישפּיל: דער קעלנער דאָם, דער שעלינגשער „גאָט", די פּרייסישע קאָנסטיטוציע און אַזוי ווייטער. — עס איז עד־היום ניט פאַרטיק געוואָרן. אָט אין אַזאַ

האלב פארטיקער נעשטאלט, קוים אפגעשליפט און נאר אויסער־לעך פארגלעט, גיב איך דאס היינט איבער דעם פובליקום: עס טרייבט מיך דערצו עפעס אזוינס, וואס קומט זיכער ניט ארויס פון אינעווייניק.

ווי געזאגט, איז „אטא טראל" ארויסגעקומען אין הערבסט 1841, צו יענער צייט, ווען די גרויסע העצע, אין וועלכער עס האבן זיך קעגן מיך פאראייניקט פיינט פון פארשיידנארטיקסטע קאלירן, האט זיך נאך ניט געהאט איינגעשטילט. עס איז געווען א שרעקלעכע העצע, און איך וואלט פריער קיינמאל ניט נעגלויבט, אז דייטשלאנד זאל ארויסברענגען אזוי פיל פוילע עפל, וויפיל עס האבן זיך דאן געשאטן אויף מיין קאפ. א געבענטשט לאנד איז אונזער פאטערלאנד! אמת, דא וואקסן ניט קיין ציטרינען און אפעלסינען; קוים, קוים קריכט ארויס וואו ניט וואו א פארקריפלטער לארבער אויפן דייטשן באדן, — דערפאר אבער אויף פוילע עפל איז ביי אונז, צום גליק, א גרויסע גערעטעניש, און אונזערע גרויסע דיכטער האבן אלע וועגן דעם געהאט צו זינגען און צו זאגן...

אין יענער העצע, וואו איך האב געזאלט פארלירן דעם קאפ מיט דער קרוין צוזאמען, האב איך קיין איינעם פון דיביידע זאכן ניט פארלארן. די אומזיניקע באשולדיקונגען, מיט וואס מען האט אויפגערייצט קעגן מיך דעם המון, זיינען אויפן קלעגלעכסטן אופן פארשטומט געווארן, אזוי, אז עס איז מיר פארשפארט געווען די טרחה פון אפלייקענען זיי. די צייט האט באוויזן מיין גערעכטיקייט, און די באטרעפנדיקע רעגירונגען,—איך מוז עס אנערקענען מיט דאנק, — האבן מיר אין דעם פרט אויך געטאן א טובה. ניט נאר אויפן דייטשן גרענעץ, נאר אויך אויף יעדער ווייטערדיקער סטאנציע אין דייטשלאנד קוקט מען אויס די אויגן אויף דעם דיכטערס צוריקקומען, אום צו ארעסטירן אים לויט א באפעל, וועלכער ווערט באנייט פון יאר צו יאר, און דווקא ארום

דער הייליקער צייט פון ווייהנאכטן, ווען אויף די קריסטנבוימער בלישטשען אזוי געמיטלעך די לעמפלעך.

אזא אומזיכערקייט אויף די וועגן טרייבט פון מיר אפּ דעם חשק צו פאָרן קיין דייטשלאַנד. דעריבער פּייער איך מיינע ווייהנאכטן אין דער פרעמד, און איך וועל שוין אין דער פרעמד, אין גלות, פאַרענדיקן מיינע טעג.

אין דער זעלבער צייט זעען מיר, אז די העלדישע קעמפער פאַר ליכט און וואַרהייט, וועלכע האָבן מיך באַשולדיקט אין שוואַכמוטיקייט און גייסטיקער קנעכטשאַפט, גייען אַרום זיכער אין פאָטערלאַנד אַלס גוט באַצאָלטע שטאַטס־דינער, אַלס מיוחסים פון אַ געוויסן צעך אָדער אַלס שטענדיקע איינגייער פון אַ קלוב, וואו זיי קוויקן זיך יעדן אָוונט אויף אַ העכסט פּאַטריאָטישן אופן מיט פאָטער ריינס ווייַנטרויבן־זאַפט און מיט שלעזוויג־האָלשטיינישע אויסטערן.

איך האָב מיט אַ באַזונדערער כוונה אָנגעמערקט, אין וועלכער צייט „אַטאַ טראָל" איז אַנטשטאַנען. דעמאָלט האָט געבליט די אַזוי גערופענע פּאָליטישע פּאָעזיע. די אָפּאָזיציע, ווי רונע זאָגט, האָט פאַרקויפט איר לעדער און איז געוואָרן פּאָעזיע. די מוזען האָבן געקראָגן אַ שטרענגן באַפעל — פון איצט אָן ניט מער אַרומצודרייען זיך לייכטזיניק אָן אַ שטאָך מלאכה, נאָר מאַכן זיך נוצלעך דעם פאָטערלאַנד אַלס עסנוואַרג פאַרזאָרגערין אין דינסט פון דער פרייהייט, אָדער אַלס וועשערין — אין דינסט פון דער קריסטלעך ־ גערמאַנישער נאַציאָנאַלי־טעט. אין דעם דייטשן זינגער וואַלד האָט זיך אויפגעהויבן יענע אומפרוכטבאַרע, אומבאַשטימטע התפעלות, יענער נאָבל־האַפטער, נוצלאָזער ענטוזיאַזם, וועלכער, פאַראַכטנדיק דעם טויט, האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דעם אוקיינוס פון אַלגעמיינהייטן. דאָס דערמאָנט מיך אָן דעם אַמעריקאַנער מאַטראָס, וואָס איז אין אַזאַ איבערמאָס באַגייסטערט געווען פאַר

גענעראַל דזשעקסאָן, אַז ער איז איינמאָל אַרונטערגעשפּרונגען פון דעם שפּיץ פון אַ מאַסטבוים אין ים אַריין, אויסרופנדיק דערביי: „איך שטאַרב פאַר גענעראַל דזשעקסאָן!״ יאָ, מיר דייטשן, האָבן נאָך דאָן ניט געהאַט גאָר קיין פּלאַץ, אָבער סיי אין פּערזן, סיי אין פּראָזע האָבן מיר געהאַט גענוג מאַטראָסן, וואָס זיינען געשטאָרבן פאַר גענעראַל דזשעקסאָן.

אַ טאַלאַנט איז דאַמאָלסט געווזען ניט גאָר קיין אָנגענעמע מתנה; זיין אייגנטימער האָט מען חושד געווען אין כאַראַקטער־לאָזיקייט.

די אימפּאָטענץ, וועלכע האָט שטענדיק מיט קנאה געקוקט אויף דער גרויסקייט פון זשעני, האָט נאָך טויזנט יאָריקן גריבלען זיך, ענדלעך אויסגעפונען אַ וואָפן קעגן אים: דעם קעגנזאַץ צווישן טאַלאַנט און כאַראַקטער. די גרויסע מאַסע האָט זיך געפילט פּערזענלעך געשמייכלט, ווען זי האָט געהערט זאָגן: גוטע און פרומע לייט זיינען טאַקע בכלל זייער שלעכטע מוזיקאַנטן, דערפאַר די גוטע מוזיקאַנטן זיינען געוויינלעך ווינציקער פון אַלץ גוט און פרום, אין דער וועלט אָבער איז דער עיקר די גוטסקייט, ניט די מוזיק.

דער פּוסטער קאָפּ האָט אויף דעם סמך שטאָלצירט מיט זיין פול האַרץ, און די געזינונג איז געוואָרן טרומף. איך דערמאָן זיך אָן אַ דאַמאָלסטיקן שרייבער, וועלכער האָט גערעכנט, אַז אים קומט אַ דאַנק דערפאַר, וואָס ער קען ניט שרייבן; פאַר זיין הילצערנעם סטיל האָט ער געקראָגן אַ זילבערנעם ערנבעכער.

גאָט איז מיין עדות! עס איז דאַמאָלסט געווען די רעכטע צייט צו פאַרטרעטן די אומפאַרטרעטבאַרע רעכט פון דעם גייסט, באַזונדערס אין דער פּאָעזיע. און אַזוי ווי די דאָזיקע פאַרטרעטערשאַפט איז געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון מיין לעבן, האָב איך דאָס נאַטירלעך ניט געקאָנט אַרויסלאָזן פון אויג אויך ביי דעם

דאָזיקן גערדיכט, וואָס סיי נאָך זיין טאָן נאָך, סיי נאָכן אינהאַלט איז עס געווען אַ פּראָטעסט קעגן די הערשנדיקע מיינונגען פון די דאַמאָלסטיקע צייטונגען.

און טאַקע, שוין די ערשטע אָפּשניטן פון „אטא טראָל", וואָס זיינען דערשינען אין דרוק, האָבן ביי די דאָזיקע רוימער, מיינע כאַראַקטער־העלדן, אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג, און זיי האָבן מיך באַשולדיקט ניט נאָר אין ליטעראַרישער אָפּגעשטאַנענקייט, נאָר אויך אין געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע, אין חוזק מאַכן פון די הייליקסטע אידעען פון דער מענטשהייט.

וואָס באַלאַנגט דעם עסטעטישן ווערט פון מיין פּאָעמע, האָב איך אים אין גאַנצן געלאָזן אויף הפקר, אַזוי ווי איך טו דאָס אויך איצט. איך האָב עס געשריבן פון מיין אייגענעם פאַרגעניגן און וועגן, אין דער פאַנטאַסטישער שטימונג פון יענער ראָמאַנטישער שול, וואו איך האָב אָנגענעם פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן, ביז איך האָב צום סוף אָנגעבראָכן די ביינער דעם לערער. פון דער עסטעטישער זייט איז מיין שיר אפשר ווערטלאָז. אָבער דו לייגסט, ברוטוס, דו לייגסט, קאַסיוס, און אויך דו, אַסיניוס, לייגסט, ווען איר ווילט איינשמועסן, אַז מיין שפּאָט איז געצילט אויף יענע אידעען, וואָס זיינען ווירקלעך דער טייערסטער אוצר, צו וועלכן די מענטשהייט האָט זיך מיט אַזוי פיל מי דערשלאָגן און פאַר וועלכן איך אַליין האָב אַזוי פיל געקעמפּט און געליטן. דווקא דערפאַר, ווייל דער דיכטער האָט פאַר זיינע אויגן די אידעען אין זייער הערלעכסטער קלאָרקייט און גרויסקייט, נעמט אים אָן ניט ווילנדיק אַ געלעכטער, ווען ער זעט, ווי אומגעלומפּערט גראָב און האַמעטנע די דאָזיקע אידעען ווערן אויפגענומען פון זיינע באַשרענקטע צייט־גענאָסן. עס איז אַזוי ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעלאַכט פון דער בערנהויט, וועלכע זיי האָבן צייטווייליק אויף זיך אָנגעטאָן. עס איז פאַראַן אַזעלכע שפּיגלען, וואָס זייער גלאָז איז אַזוי קרום געשליפן, אַז אפילו אַן אַפּאָלאָ

מוז אויסזען אין זיי ווי אַ קאַריקאַטור, וואָס רייצט אונז צום לאַכן. מיר לאַכן דאָ אָבער נאָר פון דער פאַרקרימטער אָפּשפּיגלונג, ניט פון דעם גאָט.

נאָך אַ וואָרט. דאַרף איך נאָך באַזונדערס מוסר מודעה זיין, אַז מיט דער פּאַראָדיע אויף אַ באַוואוסטן געדיכט פון פרייליגראַט, וועלכער וואַרפט זיך דורך אין דעם „אַטאַ טראָל" און בילדעט, אַזוי צו זאָגן, זיין קאָמישן אונטערשלאַג, בין איך בשום אופן ניט אויסן געווען דעם דאָזיקן דיכטער פּוגע בכבוד צו זיין. פאַרקערט, איך שעץ אים זייער הויך, איך רעכן אים פאַר איינעם פון די באַדייטנדסטע דיכטער, וועלכע זיינען זינט דער יולי־רעוואָלוציע אויפגעטראָטן אין דייטשלאַנד. די ערשטע זאַמלונג פון זיינע לידער האָט זיך מיר געמאַכט צו זען גאַנץ שפּעט, טאַקע גראָד אין דער צייט, ווען דער „אַטאַ טראָל" איז געשאַפן געוואָרן. אפשר האָט עס גראָד מיין דאַמאָלסטיקע שטימונג גורם געווען, וואָס דווקא דער „מאָהרענפירסט" האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ פריילעכן איינדרוק. אגב לויבט מען טאַקע דאָס ווערק אַלס דאָס געלונגנסטע. פאַר לעזער, וואָס זיינען מיט דעם ווערק ניט באַקאַנט — און אַזעלכע געפינען זיך אוודאי אין כינע און יאַפּאַן, אַפילו אויף דעם טייך ניגער און סענעגאַל—פאַר זיי איינגנטלעך וועל איך דאָ אָנמערקן, אַז דער שוואַרצער קעניג, וואָס טרעט אַרויס, אין אָנפאַנג פון דעם געדיכט, פון זיין ווייסן געצעלט, אַזוי ווי אַ פאַרהושכטע לבנה, האָט אויך אַ שוואַרצע געליבטע, אויף וועמענס טונקעלן געזיכט עס הענגען אַראָפּ ווייסע שטרויספּעדערן. קריגעריש געשטימט, פאַרלאָזט ער זי און גייט אַוועק מיט נעגערס אין שלאַכט, וואו עס הילכט אַ פּויק, באַהאַנגען מיט מענטשלעכע שאַרבנס — אַך, ער קריגט דאָרטן אַ שוואַרצע מפּלה, פּונקט ווי יענער העלד פון וואַטערלאָאָ, און די זיגער פאַרקויפן אים צו די ווייסע. יענע ברענגען צושלעפּן דעם איידעלן אַפריקאַנער קיין אייראָפּע, וואו מיר טרעפן אים אַלס קנעכט

ביי אַ קאָמפּאַניע אַרומוואַנדערנדיקע רייטער און קונצנמאַכער, וואָס פּלעגן אויף זייערע פאָרשטעלונגען אַנטרויען אים דעם טערקישן פויק. דאָ שטייט ער, נעבעך, פאַרחושכט און ערנסט, ביים אַריינגאַנג צום רייטפּלאַץ און האַלט אין איין פּויקן, דאָך אין דער צייט, ווען ער פּויקט, טראַכט ער אויך וועגן זיין אַמאָליקער גרויסקייט, ער טראַכט וועגן דעם, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַן אַבסאָלוטער הערשער אויף דעם ווייטן, ווייטן טייך ניגער, און ער האָט זיך דאַן געיאָגט נאָך לייבן און טיגערס.

זיין אויג איז נאַס; און ער זעצט אין דער פעל
אַזוי שטאַרק, אַז זי צופּלאַצט אויפן שטעל.

געשריבן אין פּאַריז, אין דעצעמבער 1846.

◆

קאַפּיטל 1

צווישן הויכע בערג און טונקעלע,
איינער העכער פונם צווייטן,
און פון ווילדע וואַסער־פאַלן
איינגעוויגט, ווי אין אַ חלום,

ליגט אין טאָל דאָס עלעגאַנטע
קאַטאַרע. אויף די באַלקאָנען
פון די ווייסע הייזלעך שטייען
שיינע דאַמען און זיי לאַכן.

האַרציק לאַכן זיי און קוקן
אויף דעם טומלדיקן מאַרק־פּלאַץ,
וואו עס טאַנצן צו די קלאַנגען
פון אַ דודלזאַק צוויי בערן.

טאַנצן טאַנצט דאָס אַטאַ טראָל דאָרט
מיט זיין ווייב, דער שוואַרצער מומאַ,
און עס פרייען זיך און יובלען
פון דעם וואונדער די באַסקעזן.

אַטאַ טראָל, דער איידעלער, ווירדיק
און אויך ערנסט האָט צעטאַנצט זיך,
נאָר זיין ווייב, דער שוואַרצער מומאַ,
פעלט איינגאַנצן שוין די ווירדע.

איך בין גרייט אויך אָנצונעמען,
אַז זי הויבט אָן קאַנקאַנירן;
די באַוועגונגען די פרעכע
מיר אַן "Grand Chaumiere" דערמאָנען.

ניט נאָר איך, — דער בערנטרייבער,
וואָס פירט אויף אַ קייט דאָס פּאַרל,
האָט באַמערקט, אַז אוממאָראַליש
טאַנצט אַצינד די שוואַרצע מומע.

אויפן הוט פון בערנטרייבער
שטייען גאַנצע זעקס מאַדאָנען,
אַז זיין קאָפּ פון שונאס פיילן
אָדער לייז זאָל זיין באַשיצט.

האָט פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס
אַן אַלטאַר־דעק שטאָט אַ מאַנטל,
דאָך עס זעען זיך פון מאַנטל,
אַ פּיסטאָל און אויך אַ מעסער.

אַ מאָנאַך איז ער געוועזן
און דערנאָך — אַ רויבער־הויפּמאַן,
צו פאַרבינדן דאָס אינאיינעם —
גייט ער דינען צו דאָן קאַרלאָס.

ווען דאָן קאַרלאָס מיט זיין גאַנצער
סוויטע האָט געמוזט אַנטלויפן,
און די מייסטע פּאַלאַדינען
מוזן ווערן בעלי־מלאכות —

(פאַן שנאַפּאַנסקי ווערט אַ שרייבער) —
ווערט אַ בערנפירער אונזער
גלויבנס־ריטער, און ער שלעפּט זיך
מיט צוויי בערן אַלץ אַרום.

און ער צווינגט אויף מערק זיי טאַנצן,
אַטאַ טראַלן און די מומאַ; —
אויפן קאַטאַרעער מאַרק־פּלאַץ
טאַנצט איז קייטן אַטאַ טראַל איצט.

אַטאַ טראַל, וואָס האָט אויף הויכע
בערג גאַר ביז אַ צינד געלעבט זיך,
ווי אַ שטאָלצער פירסט, אַ פרייער —
טאַנצט אין טאָל איצט פאַרן פעבל.

און צוליב אַ פּאָר מטבעות
טאַנצט ער פאַרן פאָלק אין מאַרק־פּלאַץ,
ער, וואָס פלעגט ניט לאַנג צוריק ערשט
שרעק אין אַלעמען דערוועקן.

און דערמאָנט ער זיך די יוגנט,
די פאַרלאָרענע הערשאַפט זיינע —
רייסט אַ טרויעריקס ברומען
פון זיין האַרצן זיך אַרויס

טרוי׳ריק קוקט ער, פּונקט ווי יענער
מאהרן־פירשט ביי פריילִיגראַטן,
און ווי יענער שלעכט געפּויקט האָט,
טאַנצט ער שלעכט פאַר כעס אַצינד.

דאָך קיין מיטגעפיל זיין טרויער
וועקט ניט אויף, נאָר בלויז געלעכטער.
ס׳לאַכט זשוליעטאַ פון באַלקאָן איצט
קוקנדיק אויף זיין פאַרצווייפלונג.

אַ פּראָנצוויזין איז זשוליעטאַ,
האָט קיין האַרץ ניט. בלויז פון דרויסן
איז איר לעבן, דאָך פאַרכישופט
און אַנטציקט איר דרויסיגקייט.

ס׳איז אַ שטראַלן־נעץ אַ זיסער
אירע בליקן, אונזער האַרץ איז
לאַנג שוין אינם נעץ געפאַנגען
און עס צאַפּלט ווי אַ פישל.

קאפיטל 2

אַז עס הויבט ביי פרייליגראַטן
יענער שוואַרצער פירשט פון מאָהרן
פון גרויס בענקשאַפט אָן צו פויקן,
אַז עס פּלאַצט די פויק פאַנאַנדער —

איז דאָס אמתדיק גאָר רירנד,
ס׳האָט געקענט אַ פויק דערשרעקן —
שטעלט זיך אָבער איצט אַ בער פאָר,
וואָס צעריסן האָט די קייטן.

די מוזיק און דאָס געלעכטער
אָפּגעהאַקט איז גלייך געוואָרן,
ס׳לויפט פאַר שרעק דאָס פאָלק פון מאַרק־פּלאַץ
און עס ווערן בלייך די דאַמען.

יאָ, ס׳האָט אַטאַ טראָל פון זיינע
קייטן זיך אַרויסגעריסן;
דורך די ענגע, שמאָלע געסלעך
לויפט ער, שפּרינגט ער איצט אַ ווילדער.

העפלעך טרעט אים יעדער ס׳אָרט אָפּ,
ער איז איצט שוין אויף די פעלזן,
קוקט אַרונטער מיט אַ שמייכל
און ווערט אין די בערג פאַרשוואונדן.

אויף דעם פוסטן מאַרק־פּלאַץ בלייבן
בלויז אַליין די שוואַרצע מומאַ
און איר פירער. מיט רציחה
וואַרפט ער אויף דער ערד זיין פילץ־הוט.

און די אַלע זעקס מאַדאַנעז
טרעט ער מיט די פיס. אַ ווילדער
רייסט פון זיך ס׳אַלטאַרן־טישטוך
און ער שילט די אומדאַנקבאַרקייט.

שוואַרצע בערן־אומדאַנקבאַרקייט!
האָט ער דען ניט אָטאָ טראָלן
שטענדיק ווי אַ פריינט באַהאַנדלט
און אים טאַנצן אויסגעלערנט?

ער דאַרף אַלץ דאָך אים פאַרדאַנקען,
און אַפילו אויך זיין לעבן;
האָט מען אים ניט אָנגעבאָטן
הונדערט טאַלער פאַר זיין פעל?

ענדלעך צו דער שוואַרצער מומאַ,
וועלכע, אויף די הינטערפיס איז
בעטנדיק פאַר אים געשטאַנען —
לאָזט ער אויס זיין גאַנצן כעס.

און ער הויבט זי אָן צו שלאָגן,
שלאָגט און שלאָגט זי אָן אַן אויפהער.
רופט איר קעניגין כריסטינע,
און פרוי מונאַץ און פוטאַנאַ. — — — —

אין אַ שיינעם זומעראָוונט
איז דאָס אַלעס זיך פֿאַרלאָפֿן,
און אַ הערלעכע געקומען
איז נאָך יענעם טאָג די נאַכט.

כ׳האָב אַ האַלבע נאַכט פֿאַרבראַכט דאָן
שטייענדיק אויף אַ באַלקאָן מיר,
ס׳איז געווען מיט מיר זשוליעטאַ
און באַטראַכט האָט זי די שטערן.

זיפֿצנדיק זאָגט זי: „די שטערן
זיינען אין פּאַריז אַם שענסטן,
ווען זיי אין אַ ווינטער־אָוונט
שפּיגלען אָפּ אין גאַסן־קויט זיך.“

קאפיטל 3.

זומער־נאַכט חלומות! ס׳ליד מיינס
איז פאַנטאַסטיש און איז צוועקלאָז.
יאָ, ס׳איז צוועקלאָז, ווי די ליבע,
ווי דער שעפער און די שעפונג.

בלויז פאַר אייגענער פאַרווייליגונג
אין דעם לאַנד פון מערכען, פּאַבלען
גאַלאָפּירט און פליט אַרום
מיין פעגאַזוס גיך און גיכער.

ר׳איז קיין ניצלעך טוגנדהאַפטער
שלעפּ־פערד פונעם בירגערטום,
ר׳איז קיין שלאַכט־פערד פון פּאַרטיי־האַס,
וואָס פּאַטעטיש הירזשעט, בריקעט.

ס׳איז מיין וויס־געפליגלט פערדל
מיטן ריינסטן גאָלד געשמידט;
און פון פּערל זיינע לייצעס,
און איך לאָז אים רואיק לויפן.

טראָג מיך, טראָג מיך, וואו דו ווילסט נאָר,
טראָג מיך דורך די בערג די שטילע,
וואו מיט קולות די קאַסקאַדן
פאַר דעם טיפן אָפּגרונט וואָרנען.

טראַג מיך, טראַג מיך, וואו דו ווילסט נאָר,
טראַג מיך דורך די שטילע טאָלן,
וואו עס קלינגען, וואו עס רוישן
אוראַלט־זיסע מערכען־קוואַלן.

לאָז מיך אָנטרינקען זיך דאָרטן,
לאָז מיך פייכט מאַכן די אויגן.
אָ, איך לעכץ נאָך ס׳וואונדער־וואַסער,
וואָס קען אַלץ פאַר מיר אָנטפּלעקן.

מיידט אויס יעדע בלינדקייט! ס׳אויג מיינס
דרינגט אַצינד דורך אַלע בערג דאָ,
דרינגט אין הייל פון אַטאַ טראָלן,
און זיין שפּראַך איז מיר פאַרשטענדלעך.

זונדערבאַר! ווי ס׳קלינגט פאַרשטענדלעך
מיר אַצינד די שפּראַך פון בערן!
ווי כ׳וואָלט אין מיין היים דער טייַ׳רער
אָפּט געהערט די זעלבע קלאַנגען.

קאַפּיטל 4.

ראָנסעוואַל, דו טאָל פון ערע!
קוים דערהער איך נאָר דיין נאָמען,
הויבט אין האַרצן ווידער בליען
די פאַרוועלקטע בלויע בלום!

ס׳וואַכט אויף ס׳ניי פאַר מיר אַ וועלט אויף,
וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרשוואונדן,
ס׳קוקן אָן מיך גייסטער־אויגן,
אַז איך ווער אַזוי דערשראָקן.

כ׳הער דעם קלאַנג פון שווערדן! ס׳קעמפן
סאַראַצן און פראַנקענריטער;
ווי פאַרבלוטנדיק, אַן האָפנונג
קלינגען ראָלאַנדס האָרנרופן.

אין דעם ראָנסעגוואַלער טאָל,
פון דעם ראָלאַנדס שפּאַלט גאָר נאָענט —
ס׳האָט אַזוי דאָס אָרט געהייסן,
ווייל, אום זיך אַ וועג צו מאַכן,

האָט דער העלד אַמאָל גענומען
אין דער האַנט דעם שווערד דוראַנדאַ
און אַ זעץ געטאָן, אַז איצט נאָך
זעסטו אויפן פעלז דעם צייכן, —

דאָרטן, אין דעם טיפן פעלז־שפּאַלט,
וואָס פאַרבאָרגן איז אין גאַנצן
מיט אַ וואַלד פון ווילדע טאַנען,
ליגט די הייל פון אַטאַ טראָלן.

אינם קרייז פון זיין פאַמיליע
רוט ער אויס זיך פון דער שווערער
רייזע איבער די פאַרשיד׳נע
פעלקער, לענדער און מדינות.

אָ, ווי זיס איז ס׳ווידערזען זיך!
ס׳זיינען אין דער הייל געווען
די פיר זין און די צוויי טעכטער,
וואָס געבאָרן האָט אים מומאַ.

פונקט ווי פאַסטאָרישע טעכטער
זיינען בלאָנד די בערן־מיידלעך,
גרוי די זין, און נאָר דער יינגסטער,
וואָס האָט בלויז איין אויער, איז שוואַרץ.

ר׳איז געווען אַמאָל דער ליבלינג
פון זיין מוטער. אָפּגעביסן
האָט זי שפּילנדיק זיין אויער
און פאַר ליבע אויפגעפרעסן.

אַ געניאַלער יינגלינג איז ער,
ר׳איז באַגאַבט שטאַרק אין גימנאַסטיק,
און ער קען זיך איבערקוליען
ווי דער קונצנמאַכער מאַסמאַן.

קריגנדיק אין הויז זיין בילדונג,
האָט ער ליב די מוטער־שפּראַך גאָר,
און ער לערנט דעם זשאַרגאָן ניט
פון די רוימער און העלענען.

לעבט זיך מונטער, פריי און פריילעך,
און ער טראָגט צו זיך אַ שנאה,
אָט צו דעם מאָדערנעם לוקסוס,
ווי דער קונצנמאַכער מאַסמאַן.

אָם געניאַלסטן איז דער יינגלינג,
ווען ער קלעטערט אויף די בוימער,
קריכנדיק פון הייל דעם טיפן
ביז צום אָרט דאָרט, צווישן פעלזן,

וואו עס זאַמלען אָוונט־צייט זיך
אַרום אַטאַ טראָל די קינדער,
און אין שטילקייט פונם אָוונט
שמועסן מיט אים זיך איבער.

און ס׳דערציילט דער אַלטער גערן,
וואָס ר׳האָט דורכגעלעבט אין וואַנדערן,
וויפיל שטעט געזען און מענטשן
און וויפיל ער האָט געליטן.

ווי דער עדלער לאַעטיאַדער,
בלויז אַן אונטערשייד אין דעם איז,
אַז די שוואַרצע פענעלאָפּע
האָט מיט אים געררייזט צוזאַמען.

און ס׳דערציילט זיי אַטאָ טראַל אויך
פון ערפּאָלגן קאָלאָסאַלע,
וואָס ער האָט ביז איצט געהאַט פיל
ביי די מענטשן מיט זיין טאַנצן.

ער פאַרזיכערט, אַז באַוואונדערט
האָבן, יובלענדיק, אים אַלע,
יונג און אַלט, ווען אויף ירידן
פלעגט ער אָנהויבן צו טאַנצן.

און באַזונדערס גאָר די דאַמען —
זיי פאַרשטייען דאָך אָם דינסטן —
האָבן הילכיק אָפּלאָדירט אים
און אים אייניקלעך צוגעוואָרפן.

אָ, דו קינסטלערישע ערגייץ!
שמייכלענדיק דער אַלטער טאַנצבער
טראַכט פון יענע טעג, ווען ווייזן
פלעגט ער זיך אויף די ירידן.

און פון זיך אַליין באַגייסטערט,
וויל ער אויפן אָרט באַווייזן,
אַז ער איז ניט בלויז אַ פלאַפּלער,
נאָר אַווירקלעך גרויסער קינסטלער

שפּרינגט ער פון דער ערד אויף פלוצים,
אויף די הינטער־פיס זיך שטעלט ער,
און ער הויבט זיך אָן צו דרייען,
ווי ער פלעגט עס טאָן פאַר מענטשן.

שטום, מיט מײלער ברײט געעפנט,
קוקן צו די קלײנע בערלעך,
װי אין שײַן פון דער לבנה
שפרינגט אום הין און הער דער פאָטער.

קאפיטל 5.

אין דער הייל אַ טרויעריקער
אַטאַ טראָל ליגט אויפן רוקן;
טראַכטנדיק זויגט ער די נעגל,
זויגט די נעגל און ער מורמלט:

„מומאַ, מומאַ, שוואַרצער פערל,
אין דעם לעבנס־ים געפאַנגען
האָב איך דיך, און איצט שוין ווידער
אין דעם לעבנס־ים פאַרלאָרן.

„ווער איך דיך אַמאָל נאָך זען דאָ?
צי אויף יענער זייט פון קבר,
וואו זיך לייטערט די נשמה,
וועל איך דיך אַמאָל ערשט טרעפן?

„אָך, ווי וואָלט זיך מיר נאָך וועלן
לעקן איינמאָל כאָטש דעם ווידל
פון מיין מומאַ. ער איז זיס דאָך,
ווי מיט האָניק אַ באַשמירטער.

„ס'ווילט זיך מיר אַמאָל נאָך שמעקן
יענעם אייגנטלעכן ריח
פון מיין טייערער שוואַרצער מומאַ,
וואָס איז גלייך צום דופט פון רויזן.

„אָבער, אַך, עס שמאַכט דאָך מומאַ
ערגעץ אויף אַ קייט אַ שווערער
ביי דעם מין, וואָס רופט זיך מענטש,
און איז שטאָלץ נאָך מיטן נאָמען.

„זייט פאַרשאָלטן! אָט די מענטשן,
אָט די ערץ־אַריסטאָקראַטן,
קוקן אויפן גאַנצן טיר־רייך
פון דער הויך און פרעך אַרונטער.

„רויבן ווייבער אונז און קינדער,
פאַנגען אונז און אויך דערהרגענען,
אום צו קענען פירן האַנדל
מיט דער פעל נאָך אונזער טויט.

„און זיי גלויבן, אַז באַרעכטיקט
זיינען זיי צו אַזאַ אומרעכט,
און דער עיקר קעגן בערן —
מענטשנרעכט הייסט דאָס ביי זיי נאָך!

„מענטשנרעכט! אָ, מענטשנרעכט!
זאָגט, ווער האָט עס אייך געגעבן?
זיכער האָט עס די נאַטור ניט,
זי איז דאָך ניט אומנאַטירלעך.

„מענטשנרעכט! אָ, זאָגט, ווער גיט דאָס
אייך אַזוינע פּריווילעגיעס?
זיכער טוט עס די פאַרנונפטע ניט,
זי איז דאָך ניט אומפאַרנינפטיק.

„זאָגט, דערפֿאַר זייט איר דאָס בעסער
פֿון די חיות, ווייל די שפּייזן
בראָט איר, קאָכט איר און איר פּרעגלט
און מיר עסן רויערהייט זיי?

„איז דער רעזולטאַט צום סוף דען
ניט דער זעלבער? ס׳קען זיך רעכנען
פּאַר אַן אָדלמאַן בלויז יענער,
וועלכער פּילט און האַנדלט איידל.

„זאָגט, דערפֿאַר זייט איר דאָס בעסער
ווייל איר זייט באַקאַנט מיט פֿילע
קונסטן, וויסנשאַפֿטן? זייַנען
דען די חיות איגנאָראַנטן?

„איז ניטאָ געלערטע הינט דען?
קענען דען די פֿערד ניט רעכנען
פּונקט ווי די קאָמערציעגראַטן?
קענען האָזן דען ניט פּויקן?

„האָבן ניט אין הידראָסטאַטיק
זיך די ביבערס אויסגעצייכנט?
דאַרף מען בושלען ניט פֿאַרדאַנקען
די ערפֿינדונג פֿון קליסטירן?

„שרייבן אייזלען ניט קריטיקן?
שפּילן אָפֿן ניט טעאַטער?
ווער קען אין דער קונסט פֿון מימיק
זיך פֿאַרגלייכן מיט באַטאַוויען?

„זינגען ניט די נאַכטיגאַלן ?
איז ניט פּרייליגראַט קיין דיכטער ?
ווער באַזינגען קען דיליידן
אַזוי גוט ווי ס׳טוט דער קעמל ?

און אַליין האָב איך דאָס טאַנצן
צוגעבראַכט צו אַ מדרגה
ווי הער ראַומער האָט דאָס שרייבן —
שרייבט ער בעסער ווי איך טאַנץ ?

„זאָגט, מיט וואָס זייט איר דאָס בעסער ?
אמת, איר טראָגט אויפגעהויבן
אײַ׳רע קעפּ, דאָך אין די קעפּ דאָרט
קריכן ניד׳ריג די געדאַנקען.

„זאָגט, דערפאַר זייט איר דאָס בעסער
פון אונז חיות, ווייל די פעל איז
גלאַט ביי אייך ? איז דאָך ביי שלאַנגען
גלאַטיק אויך די פעל און גלאַנציק.

„שלאַנגען אויף צוויי פיס ! מיר ווייסן
וואָס אייך צווינגט צו טראָגן הויזן !
איר מיט פרעמדן וואָל פאַרדעקן
ווילט אײַ׳ר שלאַנגען־נאַקעטקייט.

„קינדער ! היט זיך קעגן יענע
גלאַטע האָרלאָזע נפשות !
טרוי ניט, טאָכטער מיינע, קיינמאָל
יענעם א ו נ ט י ע ר אין די הויזן !“

ווייטער וויל איך ניט דערציילן,
ווי עס האָט דער בער דער פרעכער,
וועלנדיק באַקומען גלייכהייט,
רעזאָנירט אויף אַלע מענטשן.

סוף־כל־סוף בין איך אַ מענטש דאָך,
און מיר וואָלט זיך גאָר ניט וועלן
נאָך אַמאָל איצט ווידערהאָלן
די באַליידיקונגען אַלע.

יאָ, איך בין אַ מענטש און בעסער
בין איך פון די אַלע חיות;
און מיט וואָס איך בין באַשאַנקען
פון געבורט — טרעט איך ניט אָפּ.

און אין קאַמף מיט אַנד׳רע בעסטיען,
וועל איך שטענדיק מוטיק קעמפן
פאַר דער מענטשהייט און פאַר אירע
אַלע רעכט און פריווילעגיעס.

קאפיטל 6.

אפשר וועט עס דאָך זיין נוצלעך
פאַרן מענטשן, וואָס איז העכער
פון די חיות, ער זאָל וויסן,
וואָס עס ווערט גערעדט דאָ אונטן.

יאָ, דאָ אונטן, אין די ווילדע
פינצטער־טרויעריקע ספערן
פון די נידעריקע חיות
נערט זיך קנאה, האַס און עלנט.

וואָס עס איז דורך דער געשיכטע,
דורך נאַטור און דורך געוואוינהייט
שוין יאָרטויזנטער פאַרהייליקט —
פרעך ווערט אויסגעלאַכט דאָ אונטן.

פון די אַלטע ווערט די יוגנט
אָנגעשטעקט מיט פאַלשער לערע,
וואָס איז אַ געפאַר אַ גרויסע
פאַר דער מענטשלעכער קולטור.

„קינדער" — מורמלט אַטאַ טראַל בייז,
דרייענדיק זיך אָן אָן אויפהער
אין מאַטראַצנלאָזן בעט —
„קינדער, אונז געהערט די צוקונפט".

„ווען מיין מיינונג זאָלן טיילן
אַלע בערן, אַלע חיות,
וואָלטן מיר געקענט צוזאַמען
לייכט באַזיגן די טיראַנען.

„זאָלן פריינט זיין פערד און עבער,
זאָל דער העלפאַנט פול מיט ליבע,
ווי אַ ברודער, אויף די הערנער
פון אַן אָקס זיין נאָז פאַרדרייען.

„זאָלן אַלע וועלף און בערן,
בעק און האָזן און די אַפּן
קעמפן בלויז אַ צייט צוזאַמען —
און מיר וועלן באַלד זיין זיגרייך.

„איינהייט! דאָס איז וואָס מיר דאַרפן!
זייענדיק באַזונדער, ווערן
מיר פאַרפאָלגט, און נאָר פאַראייניקט
קענען מיר דעם פיינט באַזיגן.

„איינהייט! און מיר וועלן זיגן!
ס׳פאַלט די מאַכט פון עקלהאַפטער
מאַנאָפּאָל! און גלייך מיט יושר
הויבן חיות אָן רעגירן.

„ס׳וועט דאָס גרונדגעזעץ זיין גלייכהייט,
פאַר באַשעפענישן אַלע,
אָן אַן אונטערשייד פון גלויבן,
פון קאָליר, גערוך און פעל.

„שטרענגע גלייכהייט! אייזלען קריגן
אין דעם שטאַט די העכסטע עמטער,
און די לייבן וועלן מוזן
שלעפּן צו דער מיל די זעקלעך.

„און וואָס אָנבאַלאַנגט די הינט,
זיינען זיי, באמת, כלבים,
ווייל ס׳באַהאַנדלען זיי די מענטשן
שוין יאָרטויזנטער ווי כלבים.

„דאָך אין אונזער שטאַט דעם פרייען
וועלן מיר צוריק זיי געבן
ווידער זיי׳רע רעכט די אַלטע,
און זיי וועלן זיך פאַראיידלען.

„און עס וועלן אויך די יידן
פולע בירגער־רעכט באַקומען,
און זיי וועלן גלייך באַרעכטיקט
זיין מיט אַלע אַנ׳דרע חיות.

„דאָך דאָס טאַנצן אויף ירידן
דאַרף די יידן זיין פאַרבאָטן;
דעם אַמענדמענט איצטער מאַך איך,
ווייל איך שרעק זיך פאַר מיין קונסט.

„דען אַ זין פאַר סטיל, פאַר שטרענגער
פּלאַסטיק פון באַוועגונג פעלט דאָך
יענער ראַסע, און פאַרדאַרבן
קענען זיי ס׳געשמאַק פון פאָלק.״

קאפיטל 8

טרוי׳ריק אין דער טרויעריקער
הייל, אין קרייז פון זיין פאַמיליע,
אַטאַ טראַל דער מענטשנפיינט ליגט
און ער ברומט דורך זיינע ציין:

„מענטשן! העסלעכע קאַנאַליען!
איר מעגט לאַכן! דאָך דער טאָג קומט
ווען מיר וועלן זיך באַפרייען
פונם יאָך און פון געלעכטער.

„און וואָס ס׳ערגערט מיך אַממערסטן
איז דאָס זויער זיסע צוקן
פון די מיילער — אומדערטרעגלעך
איז מיר ס׳מענטשלעכע געלעכטער!

„ווען נאָר אויף אַ ווייסן פּנים
זע איך דאָס פאַטאַלע צוקן,
פיל איך, ווי עס נעמען דרייען
אין מיין בויך זיך די געדערים.

„פיל נאָך קלאָרער ווי דורך ווערטער
ווייזט אַרויס זיך דורכן לאַכן,
ווי עס זיינען פרעך די מענטשן,
ווי זיי זיינען טיף פאַרדאָרבן.

„שטענדיק לאַכן זיי! אַפילו
וואו די אַנשטענדיקייט פאָדערט
ערנסט זיין — יאָ, אין דער ליבעס
פייערלעכסטן אויגנבליק!

„שטענדיק לאַכן זיי! זיי לאַכן
אויך ביים טאַנצן, און פאַרשוועכן
דאָך דערמיט די קונסט די גרויסע,
וואָס אַ קולט געזאָלט האָט בלייבן.

„יאָ, דער טאַנץ אין אַלטע צייטן
איז געווען אַן אַקט פון גלויבן,
און מיט הייליקייט די פריסטער
פלעגן טאַנצן ביים אַלטאַר.

„און געטאַנצט אויך פאַר דעם אָרון
האָט אַמאָל דער קעניג דוד;
ס'טאַנצן איז געווען אַ בעטן,
אַזאַ דאַווענען מיט די פיס.

„אויך אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען
ס'טאַנצן, ווען אויף די ירידן
פלעג איך פאַרן פאָלק זיך ווייזן,
קריגנדיק דעם גרעסטן בייפאַל!

„אָ, דער בייפאַל! — כ'בין זיך מודה:
ר'איז מיר אָנגענעם געווען.
ס'איז דאָך זיס דעם שונא צווינגען
ער זאָל זיך מיט דיר אַנטציקן.

„אָבער אויך אין דער באַגייסטערונג
לאַכן זיי, און ס'איז אָנמעכטיק
אויך די טאַנצקונסט זיי צו בעסערן
און לייכטזיניק בלייבן זיי."

קאפיטל 8.

פילע טוגנדהאַפטע בירגער
שמעקן שלעכט אויף אונזער ערד
אין דער צייט, ווען פילע שקלאַפן
דרייען אום זיך פאַרפומירטע.

וויפיל אומשולדיקע מיידלעך
וואַשן זיך מיט שלעכטע זייפן,
אין דער צייט ווען ס׳גייט די זינד אום
מיט פאַרפומען אָפּגעגאָסן.

אָ, דערפאַר פאַרדריי די נאָז ניט,
ליבער לעזער, אויב ס׳דערמאָנט ניט
דיך די הייל פון אַטאַ טראָלן
אָן די בשמים פון אַראַביען.

דו פאַרבלייב מיט מיר צוזאַמען
אין דער הייל דער שטיקנדיקער
און פאַרנעם די אַלע ווערטער,
וואָס דער העלד זאָגט צו זיין זון:

„קינד, מיין קינד, דו יינגסטע שפּראָצונג
פון די לענדן מיינע, לעג צו
צו מיין מויל אַצינד דיין אויער
און פאַרנעם מיין ערנסט וואָרט.

„ווייך פון מענטשלעכע געדאַנקען,
זיי פאַרסמען ליב און זעלע.
שווער צו טרעפן צווישן מענטשן
איז אַן אָרנטלעכער מענטש.

„און אַפילו אויך די דייטשן,
זיי, די בעסטע שוין פון אַלע;
זיי, די אורעלטערן אונז׳רע —
זיינען אויך שוין גוט פאַרדאָרבן.

„אַן אַ גאָט און אַן אַ גלויבן,
פּרעדיקן דעם אַטעאיזם;
קינד, מיין קינד, יאָ, היט זיך אָפּ
פון דעם פייערבאַך און באַוער.

„זאָלסט קיין אַטעאיסט ניט ווערן,
זיי קיין אומבער ניט, אַן ערפורכט
רעד פון שעפער ניט — איין שעפער
האָט באַשאַפן אונזער וועלט־אַל.

„האָט באַשאַפן זון, לבנה
און די שטערן — די אַן עקן,
גלייך ווי די וואָס האָבן עקן —
זאָגן עדות אויף זיין מאַכט.

„און די ערד און אויך די ימען
זיינען עכאָס פון זיין גרויסקייט,
די באַשעפענישן אַלע
זינגען לויב־געזאַנגען אים.

„און די קליינע לויז אַפילו
אין דער גרויער באָרד פון פּילגער,
זי שטייט אויך ניט אָפּ פון אַלע —
זינגט אַ לויב געזאַנג צום שעפּער.

„אין דעם שטערן־צעלט דאָרט אויבן
אויף דעם גאָלדנעם כסא־כבוד
וועלט־רעגירנד, מאַיעסטעטיש
זיצט אַ קאָלאָסאַלער אייז־בער.

„שניי־ווייס גלאַנצנדיק, אָן פלעקן
איז זיין פּעלץ, פון דיאַמאַנטן
צירט זיין קאָפּ אַ קרוין אַ גרויסע,
וואָס דורך אַלע הימלען לייכט.

„אין זיין פּנים איז האַרמאָניע
און די שפּורן פונם דענקען,
מיטן סצעפּטער גיט אַ ריר,
און די ספערן זינגען, קלינגען.

„ביי די פיס אים זיצן שטיל
בערן הייליקע, וואָס האָבן
פיל געליטן און זיי האַלטן
אין די לאַפּעס זייר'ע פּאַלמען.

„טיילמאָל שפּרינגען זיי דאָרט אויף
ווי פון הייליקן גייסט געוועקטע
און דעם פייערלעכסטן הויכטאַנץ
הויבן זיי דאָרט אָן צו טאַנצן —

„הויכטאָנץ! וואו דער שטראַל פון גנאָד
מאַכט אומנויטיק דעם טאַלאַנט שוין
און פון זעליקייט צו רייסן
נעמט זיך פון דער הויט די זעל.

„וועל איך ווען, אומווירדיקער,
אַזאַ גנאָד אַמאָל געניסן?
וועל איך פון דער טריבער ערד
איבערגיין צום רייך פון פריידן?

„און אַליין וועל איך נאָך ווען
אויבן אין געצעלט פון שטערן
מיט דער גלאָריע, מיט דער פּאַלמע
טאַנצן פאַרן הערנס טראָן?

קאפיטל 9.

ווי אַ צונג אַ שאַרלאַכרויטע,
וואָס דער מאָהרען־פּירשט דער שוואַרצער
אָפּטמאָל פלעגט מיט אַ פאַראַכטונג
ווייזן פון זיין פינצטער מויל —

אַזוי ווייזט זיך די לבנה
פון דעם טונקעלן וואָלקן־הימל;
פון דער ווייט די וואַסערפאַלן
רוישן אין דער נאַכט אַן אויפהער.

אויפן שפּיץ פון ליבלינגס־פעלז שטייט
אַטאַ טראָל אַצינד זיך איינזאַם,
און ער שרייט אַזוי אַרונטער
אין דעם נאַכט־ווינט, אין דעם אָפּגרונט:

„יאָ, איך בין אַ בער, איך בין עס!
פעטס און איזיגרים, און ברומבער,
און די אַלע, גאָט ווייס וויפיל
נעמען, וואָס איר רופט מיך אָן!

„יאָ, איך בין אַ בער, איך בין עס,
יאָ, דאָס בין איך יענע בעסטיע,
אומגעלומפּערטע און גרויסע,
וואָס עס מאַכט אַזוי אייך לאַכן.

כ׳בין דער ציל פון איי׳רע וויצן,
איך בין דער, מיט וועמען איי׳רע
שלעכט ערצויגענע, ניט גוטע
קינדער שרעקט איר אָפט ביינאַכט.

„יאָ, איך בין דאָס שפּאָט־בילד פון די
אַלע איי׳רע באָבע־מעשיות,
און איך שריי עס הויך אַרונטער
אין דער מיאוסער מענטשנוועלט:

„כ׳בין אַ בער, איר מעגט עס הערן,
און איך שעם זיך מיט מיין שטאַם ניט,
כ׳בין נאָך שטאָלץ, פּונקט ווי כ׳וואָלט שטאַמען
גאָר פון משה מענדעלסאָנען!“

קאפיטל 10.

צווי געשטאַלטן ווילד אין אויסזען,
קריכנדיק אויף אַלע פיר,
ברעכן דורך אַ וועג אין טונקלען
טאַנען־וואַלד אין מיטן נאַכט.

דאָס איז אַטאַ טראַל דער פאַטער
און זיין זונדל, יונקער א י י נ א ו י ר,
און זיי זיינען שטיין געבליבן
ביי אַ בלוט־שטיין אינם וואַלד.

„אָט דער שטיין״—ברומט אַטאַ טראַל בייז—
„איז אַן אַלטער וואו דרואידן
אין דער צייט פון אַבערגלויבן
פלעגן מענטשן־אָפּער ברענגען.

„גרויל, אָ, גרויל, דו שוידערהאַפּטער!
ווען כ׳דערמאָן זיך, אין גאָטס ערע
איז געוואָרן בלוט פאַרגאָסן —
שטעלן זיך די האָר קאַפּויר מיר.

„אמת, איצט שוין אויפגעקלערטער
זיינען מענטשן, און אין ליבע
צו דעם הימלס אינטערעסן
טויטן זיי ניט איינס דאָס צווייטע.

„ניט קיין רעליגיעזער וואַנזין,
און אויך ניט קיין פאַנאַטיזם
מאַכט, זיי זאָלן איצט זיך מאָרדן,
נאָר דער אייגנער אייגנוץ.

„נאָך די אוצרות פון דער ערד
יאָגן אַלע, איילן אַלע,
און זיי שטיקן איינס דאָס צווייטע —
יעדער גנבעט בלויז פאַר זיך!

„יאָ, דאָס וואָס באַלאַנגט צו אַלע,
וויל איעדערער פאַרכאַפּן,
און פאַרכאַפּט ער עס, דאַן רעדט ער
וועגן רעכט פון אייגנטום.

„רעכט פון אייגנטום! אָ, ליגן!
אָ, גנבה! אָ, רציחה!
אַזאַ ליגן, אַזאַ פאַלשקייט
קענען מענטשן בלויז באַשאַפן!

„ס׳האָט פאַר אייגנטימער קיינמאָל
די נאַטור אונז ניט באַשאַפן!
אונזער לייב איז דאָך אָן טאַשן,
ווען מיר קומען אויף דער וועלט.

„ווער פון אונז איז אָנגעקומען
אויף דער וועלט מיט זעק אַזוינע,
אַז ער זאָל אין זיי באַהאַלטן
אַלע די גנבות זיינע? —

„קינער! נאָר דער מענטש דער גלאַטער
וואָס אין וואָל אין פרעמדן קינסטלעך
קליידט זיך, האָט געזען אויך קינסטלעך
זיך מיט טאַשן צו באַזאָרגן.

„אָ, די טאַשן! אומנאַטירלעך
זיינען זיי, ווי ס׳אייגנטום איז,
ווי דאָס רעכט פון דעם באַזיצער!
אָ, איר קעשענע גנבים!

„אָ, ווי כ׳האָס זיי! איבערגעבן
וויל איך דיר, מיין זון, דעם האָס:
זאָלסט אויף דעם אַלטאַר מיר שווערן
שנאה אייביקע צום מענטשן.

„זיי דער פיינט פון יענע כיטרע
אונטערדריקער, און קיין שלום
זאָלסט מיט זיי קיינמאָל ניט מאַכן —
שווער אין דעם מיר, זון דו מיינער!"

ס׳שווערט דער יינגלינג, ווי אַמאָל האָט
האַניבאַל. און די לבנה
האָט דעם אַלטן שטיין באַלויכטן
און דיביידע מיזאַנטראָפּן.

שפּעטער וועלן מיר דערציילן,
ווי זיין שבועה טריי געבליבן
איז דער יינגלינג. אים פאַרערן
וועלן מיר אין צווייטן עפּאָס.

אַטאַ טראָלן וועלן מיר אויך
איצט איינגאַנצן איבערלאָזן,
אַז מיר זאָלן מיט אַ קויל אים
קענען שפּעטער בעסער טרעפן.

דיינע אונטערזוכונגס־אַקטן,
הויכפּאַרעטער קעגן מענטשן,
זיינען שוין אַצינד געשלאָסן —
מאָרגן וועסטו זיין געמשפּט.

ק א פ י ט ל 11.

ווי פאַרשלאָפ׳נע באַיאַדערן
זעען אויס די בערג, זיי שטייען
אין די ווייסע נעבל־העמדער,
וואָס דער מאָרגן־ווינט באַוועגט.

דאָך דער זונענגאַנג האָט באַלד זיי
אויפגעמונטערט; רייסט די לעצטע
העמד אַרונטער און באַשטראַלט האָט
זייער נאַקעטיקע שיינהייט.

כ׳בין באַגינען מיט לאַסקאַרן
אויף אַ בערג־יאַגד געגאַנגען,
און אין מיטאָג־צייט געקומען
זיינען מיר צו „פּאָנט ד׳עספּאַן״.

ס׳האָט אַזוי די בריק געהייסן,
וואָס פון פראַנקרייך פירט נאָך שפּאַניען,
נאָך דעם לאַנד, וואָס איז אויף טויזנט
יאָר פון אונז צוריקגעשטאַנען.

טויזנט יאָר צוריקגעשטאַנען
איז דאָס לאַנד פון וועסט־באַרבאַרן,
מיינע אייגענע באַרבאַרן —
בלויז אויף הונדערט אָפּגעשטאַנען.

כ׳האָב אַ טרויעריקער פאַרלאָרן
דיך, אָ, גרויס און הייליק פראַנקרייך,
דיך, אָ, פאָטערלאַנד פון פרייהייט
און פון פרויען, וואָס כ׳האָב ליב.

אין דער מיט פון „פּאָנט ד׳עספּאַן״
זיצט אַן אָרמער שפּאַניער, עלנט
קוקט אַרויס פון זיינע אויגן
און פון לעכער פון זיין מאַנטל.

קנייפּט אַן אַלטע מאַנדאָלין
מיט די דינע מאָג׳רע פינגער,
און עס ענטפערן אים אָפּ,
שפּעטנדיק פון אים, די היילן.

טיילמאָל מיט אַ ווילד געלעכטער
בויגט ער זיך אַראָפּ צום אָפּגרונט,
און דערנאָך מיט נאָך מער ווילדקייט
לאַכט ער און ער זינגט דערביי:

„אין דער מיטן פון מיין האַרצן
שטייט אַ קליין און גאָלדן טישל,
און אַרום דעם גאָלד׳נעם טישל
שטייען גאָלדענע פיר שטולן.

„אויף די גאָלדענע פיר שטולן
זיצן זיך אַצינד פיר דאַמען
אין שיניאָן. זיי שפּילן קאָרטן,
אָבער קלאַראַ בלויז געווינט.

„זי געווינט און שמייכלט כיטרע,
„אַך, אין האַרצן מיינעם, קלאַראַ,
ווערסטו אַלעמאָל געווינען —
דען דו האָסט דאָך אַלע טרומפן." —

כ'זאָג צו זיך, ווען כ'גיי מיר ווייטער:
זונדערבאַר איז, ווי דער וואַנזין
זיצט און זינגט זיך אויפן בריק דאָ,
וואָס פון פראַנקרייך פירט נאָך שפּאַניען;

פון אידעען־טויש פון בײדע
לענדער איז דאָס דער סימבאָל ניט?
אָדער איז ער בלויז פון שפּאַניען
דאָס פאַריקטע טיטל־בלאַט?

אָוונט־צייט ערשט קומען מיר אָן
צו אַ קלעגלעכער פּאָסאַדע,
וואו עס דאַמפט זיך אין ניט ריינע
שיסלען אַלעא־פּאָטרידאַ.

כ'עס זיך אָן דאָרט מיט גאַרבאַנצעס
שווער און גרויס ווי ביקסן־קוילן,
וועלכע זיינען פאַרן מאָגן
פון אַ דייטש אויך אומפאַרמיידלעך.

און ניט בעסער פון דער קיך איז
דאָרט דאָס בעט. פול מיט אינזעקטן,
ווי באַפּעפערט. אַך, די וואַנצן
זיינען אונז'רע גרעסטע שונאים!

ערגער פון דעם האַס פון טויזנט
עלעפאַנטן איז די פיינטשאַפט
פון אַ וואַנץ אַן איינציקער בלויז,
וואָס אויף אונזער בעט קריכט אום.

מוזט זיך רואיק לאָזן בייסן —
דאָס איז שלעכט, דאָך איז נאָך ערגער
ווען צודריקסט זי, ס׳לאָזט דער ריח
דיך אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן.

יאָ, דאָס ערגסטע אויף דער ערד איז
קעמפן מיט אַזוינע ברואים,
ווערמענס וואָפן איז דער ריח —
ס׳ערגסטע איז דער קאַמף מיט וואַנצן.

קאפּיטל 12.

ווי עס טרוימען די פּאָעטן
די דרעסירטע אויך! זיי זינגען
און זיי זאָגן, אַז אַ טעמפּל
איז די געטלעכע נאַטור.

ס'איז אַ טעמפּל, וואָס זאָגט עדות
אויף דער גרויסקייט פון באַשעפער,
און ווי לאָמפּן אין אַ קופּאָל,
הענגען זון, לבנה, שטערן.

ווי עס איז, איר גוטע מענטשן!
דאָך זייט מודה, אַז אין טעמפּל
זיינען דאָ גאַנץ אומבאַקוועמע,
נידערטרעכטיק שלעכטע טרעפּן!

אָ, דאָס קלעטערן אויף פעלזן,
דאָס אַרויפגיין און באַלד ווידער
שוין אַראָפּגיין — דאָס פאַרמאַטערט
מיינע פיס און מיין נשמה.

ס'גייט זיך לעבן מיר לאַסקאַראָ,
בלייך ווי'אַ ליכט און אויסגעצויגן;
ער, דער טויטער זון אוראקאס,
ניט ער רעדט און ניט ער שמייכלט.

מענטשן זאָגן, אַז געשטאָרבן
איז ער לאַנג שוין, נאָר זיין מוטער,
די מכשפה, מאַכט, ער זאָל
אויסזען ווי אַ לעבעדיקער.

האָט דאָס טרעפן אייער טעמפל!
ס׳איז ביז איצט מיר אומפאַרשטענדלעך
ווי כ׳האָב ניט דעם האַלדז צעבראָכן
אָפּטמאָל פאַלנדיק אין אָפּגרונט.

ווי די וואַסער־פאַלן שרייען!
ווי עס שמייסט דער ווינט די טאַנען!
ווי זיי וואָיען! פּלוצים האָבן
אויך געפּלאַצט די שוואַרצע וואָלקן.

אין דעם קליינעם פישער־שטיבל
אויף דעם „לאַק דע־גאָבע״ האָבן
מיר געפונען פיל פאָרעלן
און אַ פלאַץ וואו אָפּצורוען.

קראַנק און גרוי דער אַלטער פישער
איז געלעגן אין דעם לען־שטול.
ווי מלאכים — זיינע בײדע
שיינע ניכטן פלעגן אים.

דיקלעך זיינען די מלאכים,
לאָקן — גאָלד און קלאָר די אויגן,
ווי פון רובענס׳ בילדער וואָלטן
זיי אַהער אַראָפּגעשפרונגען.

פון די גריבלעך אין די באַקן
לייכט אַ כיטרעקייט אַ זיסע;
די געזונטע גלידער זיי׳רע
שרעק און לוסט אין דיר דערוועקן.

און די שיינע יונגע מיידלעך
דיספּוטירן: וועלכע פון די
מעדיצינען וועט אַמבעסטן
שמעקן איצט דעם קראַנקן פעטער.

טראָגט אַ גלאָז אים איינע אונטער
מיט געקאָכטע לינדן־בליטן,
מיט האָלונדער־בלומען־אויפגוס
נעמט די צווייטע אים טראַקטירן.

ווערט דער אַלטער אומגעדולדיק:
„נעמט אַוועק פון מיר די גראָזן!
ברענגט מיר ווייַן, אַז אויך דער גאַסט זאָל
קענען אינם מויל וואָס נעמען״.

צי ס׳איז ווירקלעך וויין געוועזן,
וואָס איך טרינק אין „לאַק דע־גאַבע״,
ווייס איך ניט, נאָר כ׳ווייס, אין ברוינשווייג
וואָלט איך גלויבן, אַז ס׳איז „מומע״.

פון דעם בעסטן שוואַרצן באַק־פעל
איז דער לאַגל. שטינקט גרויסאַרטיק.
דאָך דער אַלטער טרינקט אָן אויפהער,
און ער ווערט געזונט און פריילעך.

ער דערציילט אונז, וואָס עס טוען
די באַנדיטן און די שמוגלער,
וואָס זיך דרייען פראַנק אַרום דאָ
אין די פּירענעער וועלדער.

ער ווייסט פילע אַלטע מעשיות,
צווישן אַנדערס אונז דערציילט ער
ווי עס קעמפן מיט די בערן
אין דער אַלטער צייט גיגאַנטן.

יאָ, די ריזן און די בערן
פלעגן קעמפן פאַר דער הערשאַפט
פון די בערג און פון די טאָלן
איידער ס׳קומען אָן די מענטשן.

מיטן קומען פון די מענטשן
פליען פונם לאַנד די ריזן:
ס׳איז אַפּנים ווייניק מאָרך דאָ
אין די קאָלאָסאַלע קעפּ.

מען דערציילט, ווען די נאַראַנים
זיינען צו דעם ים געקומען
און געזען, ווי אין די וועלן
שפּיגלט זיך דער בלויער הימל —

פאַרן הימל אָנגענומען
האָבן זיי דעם ים. מיט גלויבן
וואַרפן זיי זיך אין דעם הימל
און זיי ווערן דאָרט דערטרונקען.

און וואָס אַנבאַלאַנגט די בערן,
ווערן זיי פון מענטש פאַרטיליקט
ביסלעכווייז. און יערלעך ווערן
זיי פאַרקלענערט אַלץ אין צאָל.

„און אַזוי טרעט איינער ס'אָרט אָפּ
פאַרן צווייטן" — זאָגט דער אַלטער —
„נאָכן אונטערגאַנג פון מענטשן
קומט די הערשאַפט פון די צווערגן;

„פון די קליינע קלוגע מענטשלעך,
וואָס אַרום אין בערג דאָ וואוינען,
מיענדיק זיך אָן אָן אויפהער
זאַמלען גאַנצע בערג מיט גאָלד אָן.

„ווי די פּיפּיק קליינע קעפּלעך
קוקן פון די פעלזן־שפּאַלטן,
זע איך אין לבנה־שיין אָפּט. —
אָך, איך שרעק זיך פאַר דער צוקונפט,

פאַר דער גרויסער געלטמאַכט זיי'רער!
און כ'האָב מורא, ווי די ריזן
אונז'רע אייניקלעך זיך וועלן
אין דעם וואַסער הימל וואַרפן."

קאפיטל 13.

אין דעם שוואַרצן פעלזן־קעסל
רוט דער זעע, דאָס טיפע וואַסער.
מעלאַנכאָליש בלייכע שטערן
קוקן אין דער נאַכט פון הימל.

נאַכט און שטילקייט. ס׳קלאַפּן רודערס.
ווי אַ רוישנדע געהיימניש
גייט דאָס קליינע שיפל. זיינע
ניכטן זיצן ביי די רודערס.

רודערן אי פלינק אי פריילעך.
און עס לייכטן אין דער פינצטער
זיי׳רע ווייסע הוילע אָרעמס
און די גרויסע בלויע אויגן.

שווייגנדיק און בלייך, ווי שטענדיק,
זעצט זיך לעבן מיר לאַסקאַראַ.
כ׳האָב מיט שרעק גענומען טראַכטן:
אפשר איז לאַסקאַראַ טויט?

אפשר בין איך אויך געשטאָרבן
און איך שיף זיך דאָס אַרונטער,
אַ געפירטער פון געשפּענסטער
אין דעם קאַלטן לאַנד פון שאָטן?

אפשר אויף דעם טרויעריקן
סטיקס איצט פאַר איך? און ווייל כאַראָן
איז ניטאָ, לאָזט פראָזערפּינע
מיך פון קאַמער־מיידלעך ברענגען?

ניין! איך בין נאָך ניט געשטאָרבן!
כ׳בין ניט קאַלט נאָך! אין מיין האַרצן
לעבעדיקע לעבנספלאַמען
גליען, ברענען אָן אן אויפהער.

און די לוסטיק־יונגע מיידלעך,
וואָס באַוועגן מיט די רודערס
און מיך טיילמאָל מיטן וואַסער
לאַכנדיקערהייט באַגיסן —

אָ, וואָרהאַפטיק, ניט קיין גייסטער
זיינען זיי, די פרישע, יונגע,
און אויך ניט קיין קאַמער־מיידלעך
פון דער בייזער פּראָזערפּינע.

אין זיי׳ר ערדישקייט באַפעסטיקט
האָט זיך דאָן מיין איבערצייגונג,
און מיין לוסטיקייט צום לעבן
האָט מיך אויך אין דעם פאַרזיכערט.

דריק איך האַסטיק מיינע ליפּן
צו די חן־גריבלעך, די רויטע,
און איך צי אַ שלוס דערפון מיר:
כ׳בין ניט טויט, אויב איך קען קושן.

איך האָב מיט די גוטע מיידלעך
ביי דעם ברעג צעקושט זיך ווידער;
בלויז אויף אַזאַ מין אַרט באַצאָלן
לאָזן זיי זיך פאַרן רודערן.

קאפיטל 14.

ס׳לאַכן, פון דער זון באַלויכטן,
פיאַלעטע בערגן־שפּיצן.
ווי אַ פויגל־נעסט — אַ דערפל
צוגעקלעפּט איז צו אַ באַרג.

ווען איך האָב אַרויפגעקלעטערט,
איז שוין ס׳אַלטוואַרג ניט געווען מער,
ס׳איז דאָס יונגוואַרג בלויז פאַרבליבן,
וואָס קען נאָך דערווייל ניט פליען.

יונגע מיידלעך, יונגע ייִנגלעך
אין די ווייס און רויטע היטלען
איינגעוויקלט, אויפן מאַרק־פּלאַץ
שפּילן חתן־כלה זיך.

לאָזן זיך אין שפּיל ניט שטערן;
און איך זע, ווי דער פאַרליבטער
מייזן־פּרינץ פּאַטעטיש קניען
נעמט פאַר דער פּרינצעסין קאַץ.

אַר׳מער פּרינץ! ער ווערט פאַרהייראַט
מיט דער שיינער. מיט איין שפּרונג בלויז
האָט זי אים שוין אויפגעפרעסן.
טויטע מויז, די שפּיל איז אויס.

כ׳האָב דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט דאָ
מיט די ליבע, קליינע קינדער,
און די קינדער ווילן וויסן,
ווער איך בין און וואָס איך טו.

ליבער פריינט — זאָג איך — געבאָרן
בין איך אין אַ לאַנד, ס׳הייסט דייטשלאַנד,
ס׳איז פאַראַן אַ סך דאָרט בערן
און איך בין אַ בערן־טרייבער.

פילע רייס איך דאָרט די פעל אָפּ
איבער זייר׳ע בערן־אוי׳רן,
יאָ, ס׳איז אמת, כ׳ווער אַליין אויך
שטאַרק צעקראַצט פון בערן־נעגל.

אָבער טעגלעך אומצורייסן
אָן אָן אויפהער זיך מיט ברען
אין מיין פאָטערלאַנד דעם ליבן
האָט זיך ענדלעך מיר דערעסן.

און איך בין אַהער געקומען
עפּעס בעסערס אויפצוזוכן,
און איך וויל מיין קראַפט פּרובירן
אויף דעם גרויסן אַטאַ טראָל.

ס׳איז אַ קעגנער, וואָס ס׳איז ווירדיק
און אויך גלייך מיר. יאָ, אין דייטשלאַנד
האָט עס פילע מאָל געטראָפן,
אַז כ׳פלעג מיט מיין זיג זיך שעמען.

ביים געזעגענען, די קינדער
האָבן אָנגעהויבן טאַנצן
אַרום מיר און הויך צו זינגען:
„זשיראַפּלינאָ, זשיראַפּלעטע!"

צירלעך טרעט אַרויס צום סוף
פונם ראָד צו מיר די יינגסטע,
בויגט זיך צוויי מאָל, דריי מאָל, פיר מאָל
און זינגט מיט אַ פיינער שטימע:

„ווען ס'באַגעגנט מיך דער קעניג,
מאַך איך אים צוויי רעווערענסן,
און באַגעגנט מיך די מלכה,
מאַך איך איר דריי רעווערענסן.

און ווי מיט די הערנער זיינע
קומט דער טייוול מיר אַנטקעגן,
מאַך איך אים פיר רעווערענסן —
זשיראפּלינאָ, זשיראפּלעטע!"

זשיראפּלינאָ, זשיראפּלעטע!"
לאַכיק ענטפערט אָפּ דער כאָר איר,
און ביי מיינע פיס זיך דרייען
נעמען זינגענדיק די קינדער.

גייענדיק אין טאָל אַרונטער,
האָט מיך ליבלעך נאָכגעקלונגען
ווי דאָס צוויטשערן פון פייגל:
„זשיראַפּלינאָ, זשיראַפּלעטע!"

קאַפּיטל 15.

ריזנהאַפּטע שטיקער פעלזן,
אומגעלומפּערטע און גרויסע,
ווי פאַרזעעענישן קוקן
פון דער הויך אַראָפּ אין טאָל.

און אַריבער זיי די שוואַרצע
וואָלקן שוועבן — און עס דאַכט זיך,
ווי דו זעסט אַ שוואַכן אָפּדרוק
פון די ווילדע שטיינפיגורן.

ווייט די וואַסערפאַלן רוישן
און דער ווינט וויינט אין די וועלדער,
ווי עס וואָלט אַליין געיאָמערט
די פאַרביטערטע פאַרצווייפלונג.

טרויעריקע איינזאַמקייטן!
אויף פאַרפוילטע טאַנען־בוימער
זיצן סאָוועס. און זיי פלאַטערן
מיט די שוואַרצע פליגלען זיי'רע.

בלאַס און שווייגנדיק, לאַסקאַראַ
ביי מיין זייט גייט, און אַליין איך
זע ניט אויס דען ווי דער וואַנזין,
וואָס ווערט פונם טויט באַגלייט?

סאַראַ מיאוסע, וויסטע געגנט!
אַ פאַרשאָלטענע! מיר דאַכט זיך
אויף די וואָרצלען פון די בוימער
זיינען פלעקן בלוט פאַראַנען.

אונטער איינעם איז אַ הייזל
אין דער ערד אויף העלפט פאַרוואַקסן,
און ווי בעטנדיק, מיט יראה
קוקט אויף מיר דער אָר׳מער שטרוי־דאַך.

ס׳איז באַוואוינט דאָס קליינע שטיבל
פון קאַגאַטן, ס׳איבערבלייבעכץ
פון אַ שטאַם, וואָס אין גרויס עלנט
שלעפּט זיין גרויע עקזיסטענץ.

עקל האָבן די באַסקעזן
נאָך ביז איצט צו די קאַגאָטן.
ס׳איז אַ פינצטערע ירושה
פון דער צייט פון פאַנאַטיזם.

אין באַגירער דאָס געוויזן
האָט מען מיר אַ טיר מיט גראַטעס,
און געזאָגט מיר, אַז געוועזן
איז דאָס די קאַגאָטן־טיר.

שטרענג איז זיי געוועזן פאַרבאָטן
דורך אַן אַנדער טיר אַריינגיין
און זיי פלעגן, ווי גנבים,
אין גאָטס הויז אַריין זיך שלייכן.

דאָרטן אויף אַ נידריק בענקל
בעט דער קאַגאָט צום באַשעפער,
ווי אַ מצורע — אָפּגעזונדערט
פון דעם איבעריקן עולם.

אָבער ס׳הייליקע און נייע
ליכט פון היינטיקן יאָרהונדערט,
האָט פאַרטריבן אַלע בייזע
שאָטנס פונם מיטלאַלטער.

ס׳בלייבט אין דרויסן שטיין לאַסקאַראַ
אין דער צייט, ווען אין דעם שטיבל
גיי איך מיר אַריין, און פריינדלעך
שטרעק איך אויס די האַנט צום ברודער.

און איך קוש זיין קינד דאָס קליינע,
וואָס האָט פון זיין וייב געזויגן
אַזוי גייציק, און ס׳זעט אויס
ווי אַ דינע, קראַנקע שפּין.

ק אָ פּ י ט ל 16.

קוקסטו אויף די בערג פון ווייטן,
זעסטו, ווי זיי שטייען שטאָלצע
איינגעהילט אין זונען־שטראַלן,
פול מיט גאָלד און פול מיט פורפור.

אָבער קוקסטו פון דער נאָענט,
זעסטו ניט קיין גאָלד, קיין פורפור;
ס'איז פאַרשוואונדן, ווי עס שווינדן
אָפט די שיינהייטן פון לעבן.

ס'האָבן דיך גענאַרט די אויגן,
דאָס איז בלויז נאָר שניי געוועזן;
שניי, וואָס אין דער איינזאַמקייט דאָ
לאַנגווייליקט זיך אָן אָן אויפהער.

און איך הער, ווי אויף די בערג דאָ
סקריפּעט אַלץ דער שניי דער אָרמער,
און פאַר האַרצלאָז קאַלטע ווינטן
ווײַנט ער אויף זיין ווייסן עלנט.

„אָ, ווי איינזאַם" — נעמט ער זיפצן —
„גייען דאָ אַוועק די שעהן;
ווי פאַרפראָר'נע איינזאַמקייטן
ציען זיי זיך אָן אָן ענדע.

„אָ, איך אָרמער שניי! ווען איך זאָל
שטאָט דאָ, אויף די בערג די הויכע,
אין אַ מילדן טאָל מיר פאַלן,
אין אַ טאָל, וואו ס׳וואַקסן בלומען.

„ווען איך וואָלט צעגאַנגען, וואָלט איך
אין אַ טייכל זיך פאַרוואַנדלט,
וואו פון דאָרף די שענסטע מיידלעך
וואַשן זיך און באָדן זיך.

„אפשר וואָלט איך ביז צום ים נאָך
צוגעשוואומען, און אַ פערל
וואָלט איך ווערן און באַצירן
אויף אַמאָל אַ קעניגס קרוין.״

הערנדיק אַזוינע ווערטער,
זאָג איך: ליבער שניי, איך צווייפל,
אַז דיך וואָלט אין טאָל דערוואַרט
אַזאַ גלענצנדיקע צוקונפט.

„טרייסט דיך, טרייסט דיך! וויניק ווערן
אין דער נידער איידל-שטיינער;
מעגלעך, דיר וואָלט גאָר באַשערט זיין
צו פאַרוואַנדלען זיך אין בלאָטע.״

אין דער צייט ווען כ׳האָב געפירט מיר
מיטן שניי אַזוינע שמועסן,
הערט אַ שאָס זיך, פון דער לופטן
פאַלט אַראָפּ אַ ברוינער גייער.

דאָס האָט זיך פאַרווילט לאָסקאַראַ
אויפן יאַגד, און דאָך זיין פּנים
בלייבט, ווי שטענדיק, קאַלט און ערנסט,
נאָר די רער פון ביקס זיך רויכערט.

און ער רייסט אַ שווייגנדיקער
פונם פויגלס עק אַ פעדער,
שטעקט אַריין זי אין זיין פילץ־הוט
און ער שפּאַנט אַוועק זיך ווייטער.

ס׳ווערט אומהיימלעך מיר צו קוקן
ווי זיין שאָטן מיטן פעדער
שלעפּט זיך נאָך נאָך אים אַ שוואַרצער
אויפן ווייסן שניי דעם קלאָרן.

קאפיטל 17.

און עס איז אַ טאָל פּאַראַנען,
„גייסטער־וועג" ווערט ער גערופן;
ביי דיביידע זייטן זיינע
שטייען הימל־הויכע פעלזן. —

דאָרטן פונם העכסטן אָבריס
קוקט אַראָפּ אין טאָל אין טיפן
דער אוראקאס קליינטשיק שטיבל;
כ׳קום אַהינצו מיט לאַסקאַראָ.

ער נעמט גלייך זיך מיט זיין מוטער
אויף אַ צייכן־שפּראַך באַראַטן,
ווי אַזוי מיר זאָלן כאַפּן
און אויך טויטן אַטאַ טראָלן.

ווייל מיר האָבן זיינע שפּורן
אויפגעזוכט און מער אַנטלויפן
קען ער ניט. אָ, איצט געציילט שוין
זיינען דיינע טעג, מיין אַטאַ!

צי די אַלטע איז באמת
אַזאַ גוטע, אַזאַ גרויסע
מכשפה, ווי ס׳באַהויפּטן
אַלע פירענעער מענטשן —

נעם איך זיך ניט אונטער זאָגן,
איינס נאָר ווייס איך, אַז פֿאַרדעכטיק
איז איר אויסזען, און פֿאַרדעכטיק
טריפֿן אירע רויטע אויגן.

זי האָט בייזע, קרומע אויגן,
און מען זאָגט אויך, אַז עס טריקנט
ביי די אָר׳מע קי די מילך אויס,
ווען זי גיט אויף זיי אַ קוק נאָר!

מען פֿאַרזיכערט אויך, אַז זי האָט
פֿירנדיק בלויז מיט די פֿינגער
אָקסן שטאַרקע פֿיל געהרגעט
און חזירים גראָבע, פֿעטע.

איינמאָל האָט מען זי פֿאַרקלאָגט אויך
אין די שרעקלעכע פֿאַרברעכנס,
דאַרף זיך טרעפֿן, אַז דער ריכטער
איז געווען אַ וואָלטעריאַנער,

אַ מאָדערנעס, פֿלאַכעס וועלט־קינד,
אָן פֿאַרשטאַנד און אויך אָן גלויבן;
סקעפּטיש און אויך מיט פֿאַראַכטונג
ווייזט ער באַלד צוריק די קלאָגן.

אָפֿיציעל פֿירט אָן אורקאַ
אָרנטלעכע בלויז מסחרים,
פֿירט מיט קרייטעכער אַ האַנדל
און מיט אויסגעשטאָפּטע פֿויגל.

און דאָס גאַנצע קליינע שטיבל
פול געווען איז מיט איר סחורה,
און עס שמעקן אומערטרעגלעך
אירע קרייטעכער אין שטיבל.

ס׳איז פאַרטרעפלעך אויסגעשטעלט דאָ
אַ קאָלעקציע פון די גייערן,
מיט די אויסגעשטרעקטע פליגל
און מיט אומגעהויערע שנאָבלען.

איז עס פונם דופט פון פלאַנצן
מיר פאַרדרייט דער קאָפּ געוואָרן ?
קוקנדיק דאָ אויף די פייגל
איז אומהיימלעך מיר געוואָרן.

מעגלעך, אַז דאָס זיינען מענטשן,
וואָס אין אויסגעשטאָפּטע פייגל
האָט פאַרוואַנדלט זיי אויף אייביק
דער מכשפהס בייזע קראַפט.

קוקן אָן אַזוי מיך פיינלעך
און דערביי אויך אומגעדולדיק !
און אַמאָל אויך קרומע בליקן
וואַרפן בייז זיי אויף דער אַלטער.

נאָר די אַלטע, זי באַמערקט ניט.
איינגעבויגן מיט לאַסקאַראַן
ביי דעם אויוון, נעמעןביידע
שמעלצן בליי און גיסן קוילן.

און זיי גיסן יענע קויל אויס,
וואָס דאַרף אַטאָ טראָלן טויטן.
ס'איז פון פייער רויט באַלויכטן
ס'בייזע פּנים פון דער אַלטער.

זי באַוועגט די דינע ליפּן
אומאויפהערלעך, דאָך אָן ווערטער.
זאָגט זי ניט אַצינד די שפּרוכן,
אַז עס זאָל די קויל גענליגען?

טיילמאָל הויבט זי אָן צו שמייכלען
און צו ווינקען צו לאַסקאַראָן,
אָבער ער, ער טוט זיין אַרבעט
שווייגנדיק, פּונקט ווי אַ טויטער.

פון דער אומגעבונג דערשלאָגן
גיי איך מיר אַוועק צום פענצטער.
פריש די לופט איז. און איך קוק מיר
אין דעם ווייטן טיפן טאָל.

וואָס כ'האָב אין דער נאַכט געזען דאָ
צווישן איינס און צוויי אַזייגער,
וועל איך אַלץ גענוי באַשרייבן
אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

ק אַ פּ י ט ל 18.

פול געווען איז די לבנה
אין דער נאַכט פון סט. יאָהאַניס,
אין דער צייט, ווען ס׳האָט געטראָגן
דורך דעם „גייסטער וועג״ דער יאַגד זיך.

פון אוראַקאַס קליינעם פענצטער
קען איך זען מיר אויסגעצייכנט,
ווי די מחנות פון געשפּענסטער
טראָגן דורכן „גייסטער־וועג זיך.

כ׳האָב געקענט פון פענצטער מיינעם
זען אין גאַנצן דעם ספּעקטאַקל;
כ׳האָב געזען די פרייד פון מתים,
וואָס ערוואַכן פון די קברים.

בייטשן־קנאַל, האלאָ און הוסאָ,
פערד־געהירזש, פון הינט דאָס בילן,
יעגער האָרנס און געלעכטער
טראָגן אויפן גאַנצן טאָל זיך.

אין פאָראויס, אַלס אַוואַנגאַרד זיי
לויפן די געיאָגטע חיות,
הירשן און חזירים ווילדע —
און נאָך זיי די יעגער־הינט.

יעגער פון פאַרשיידענע צייטן
און פון לענדער — נעמען אַנטייל.
לעבן נמרוד פון אַסיריען
רייט, צום ביישפּיל, קאַרל דער צענטער.

רייטן אויף די פערד די ווייסע,
ס'גייען נאָך זיי צופוס אויך
גאַנצע מחנות פון פּיקערן
און די פאַזשן מיט די פאַקל.

פילע זעען אויס באַקאַנט מיר.
איז עס ניט דער קעניג אַרטוס,
יענער ריטער, וועלכער רייט דאָ
אין דער גאָלדענער באַוואָפנונג?

איז עס ניט דער דענער אָגיער,
יענער ריטער, וועלכער רייט דאָ
אין דעם גרינעם פּאַנצער, וועלכער
מאַכט אים אויסזען ווי אַ פראָש?

ריטער פון געדאַנקען האָב איך
אין דעם צוג אויך פיל באַגעגנט.
נאָכן גלאַנץ פון זיינע אויגן
האָב איך וואָלפגאַנגען דערקענט.

אויסגעלאַכט פון הענגסטענבערגן,
קען ער רואיק מער ניט ליגן;
מיט אַ היידנישער קאָמפּאַניע
זעצט ער פאָרט די יאַגד פון לעבן.

נאָך זיין רייצנדיקן שמייכל
האָב איך ווילי־אַמען דערקענט אויך.
אים די פּוריטאַנער האָבן
אויך אַמאָל געלעגט אין חרם.

און עס מוז דער אָר׳מער זינדער
אַלע נאַכט אין ריי זיך שלעפּן.
ס׳רייט אַ מענטש אויף אַן אייזל,
לעבן אים, — אָ, גאָט אין הימל! —

נאָך דעם בעטנדיקן אויסזען
און דעם פרומען ווייסן שלאָף־מיץ,
נאָך דער שרעקעדיקייט זיינער —
האָב איך גלייך דערקענט פראַנץ האָרנען.

ווייל מיין אָר׳מער פריינט פראַנץ האָרן
קאָמענטירט אַמאָל שעקספּירן,
מוז ער נאָכן טויט זיך שלעפּן
איצט נאָך אים אויף אַלע יאָגדן.

אַך, מיין שטילער פראַנץ מוז רייטן,
ער, וואָס קוים געוואָגט צו גיין האָט
און וואָס פלעגט זיך נאָר באַוועגן
ביים געשפּרעך און ביים דעם דאַוונען.

וועלן ניט די אַלטע מוידן,
וואָס מיט אים זיך פלעגן גרויסן
אויפגעבראַכט זיין, ווען זיי הערן
אַז ס׳איז פראַנץ אַצינד אַ רייטער?

אַפּטמאָל, ווען דער גרויסער ווילִיאַם
לאָזט זיך אין גאַלאָפּ, סאַרקאַסטיש
קוקט ער ווי זיין קאַמענטאַטאָר
לויפט נאָך אים נאָך אויף זיין אייזל;

כאָטש ער האָט שוין מער קיין כוחות,
וויל ער אַלץ ניט אָפּשטיין; נאָכגיין
וויל ער טריי זיין גרויסן אויטאָר
נאָכן טויט, ווי ביי דעם לעבן.

אין דער ווילדער מחנה זע איך
אויך אַ סך באַקאַנטע דאַמען
און באַזונדערס — שיינע נימפן
מיט די שלאַנקע לייבער זיי׳רע.

זיצן ריטערלעך אויף פערד זיך,
זיינען מיטאָלאָגיש נאַקעט,
דאָך די גאָלדנע לאָקן פאַלן
אויף די פּלייצעס זיי, ווי מאַנטלען.

טראָגן קרענץ אויף זיי׳רע קעפּ אויך,
און מיט אויסגעבויגנע קערפּער
נעמען לייכט אין לופט באַוועגן
מיט באַבלעטערדיקטע שטעקנס.

לעבן־זיי זע איך אין קליידער
וואונדערבאַרע ריטער־מיידלעך,
זיצנדיק שטאָלץ אויף די זאָטלען
און מיט פאַלקן אויף די הענט.

און נאָך זיי, ווי אַ פּאַראַדיע,
רייט אויף אויסגעדאַרטע פערדלעך
דאָ אַ גאַנצע מחנה ווייבער,
קאָמעדיאַנטיש אויסגעפּוצטע.

זייער פּנים ליב און רייצנד,
אָבער אויך צו פרעך אַ ביסל,
און זיי שרייען מיט די רויטע,
אָנגעפּודערט גראָבע באַקן.

און דאָס עכאָ ענטפערט פריילעך,
יעגער האָרנס און געלעכטער,
פערד געהירזש, פון הינט דאָס בילן,
בייטשן־קנאַל, האָלאָ און הוסאָ!

קאַפּיטל 19.

ס׳האָבן זיך פון אַלע שענער
אינם צוג אַרויסגעוויזן
דריי געשטאַלטן — ניט פאַרגעסן
וועל איך יענע פרויען־בילדער.

לייכט דערקענט האָב איך באַלד איינע:
אויפן קאָפּ אַ האַלב־לבנה,
שטאָלץ און קאַלט ווי אַ סטאַטוע
רייט די ריינע, גרויסע געטין.

און עס זיינען ברוסט און היפטן
האַלב פאַרדעקט מיט אַ טוניקאַ,
ליידנשאַפטלעך מיט די גלידער
שפּילן זיך לבנה־שטראַלן.

און דאָס פּנים ווייס ווי מאַרמאָר
און אויך קאַלט אַזוי ווי מאַרמאָר;
שרעקלעך איז געוועזן די בלייכקייט
און די שטאַרקייט פון איר פּנים.

און אין אירע שוואַרצע אויגן
האָט געברענט אַ שרעקלעך פייער —
אַן אומהיימלעך זיסער פייער —
וואָס פאַרבלענדט, פאַרצערט די זעלע.

ס׳האָט געענדערט זיך דיאַנאַ,
זי, וואָס האָט אָנאַקטעאָגען
אין איר גרויסער, ריינער צניעות
אין אַ הירש אַמאָל פאַרוואַנדלט

און אים צו די הינט געוואָרפן.
צאָלט זי איצט פאַר יענע זינד ניט?
אַלע נאַכט אָן אויפהער שלעפן
מוז זי זיך אין צוג אין וויסטן.

שפּעט, דערפאַר צעברענט האָט שטאַרקער
זיך אין איר די ליידנשאַפט איצט,
און עס ברענט אין אירע אויגן,
ווי אַ בייזער גיהנום פייער.

זי באַקלאָגט די צייט, ווען מענער
זיינען שענערע געווען,
און די קוואַליטעט פאַרבייטן
מוז זי מיט דער קוואַנטיטעט איצט.

לעבן איר, אַ צווייטע שיינהייט,
כאָטש ניט גריכיש, ווי דיאַנאַ,
אָבער ס׳שטראַלט פון איר אַרונטער
אַזאַ קעלטיש־דינע צאַרטקייט.

ס׳איז געווען די פעע אַבונדע;
כ׳האָב זי לייכט געקענט דערקענען
נאָך דעם זיסן שמייכל אירן,
נאָך דעם האַרציקן געלעכטער.

ראַזיק און געזונט דאָס פּנים
ווי געמאָלן וואָלט אים גרויצע,
און דאָס מיילכל שטענדיק אָפן
מיט די שיינע, ווייסע ציינדלעך.

און זי טראָגט אַ בלויע נאַכטקלייד,
וואָס דער ווינט וויל אַלץ צעבלאָזן.
כ׳האָב אַפילו אין אַ חלום
ניט געזען אַזוינע שולטער!

כ׳בין פון פענצטער שיעור געשפּרונגען,
כ׳האָב אַזוי געוואָלט זי קושן;
גוט, וואָס כ׳האָב עס ניט געטאָן דאָן,
כ׳וואָלט דעם האַלדז געוויס צעבראָכן.

אָך, ווי זי וואָלט דאָס צעלאַכט זיך,
ווען זי זעט מיך אינם אָפּגרונט
אַ פאַרוואונדעטן דאָרט ליגן.
אָ, איך קען אַזאַ געלעכטער!

און דאָס דריטע פרויען־בילד,
וואָס געמאַכט האָט ס׳האַרץ באַוועגן,
איז עס אויך געווען אַ טייוול,
ווי די אַנד׳רע צוויי געשטאַלטן,

אָדער איז עס פון אַ מלאך? —
קיינמאָל ווייסטו ניט ביי פרויען
וואו עס ענדיקט זיך דער מלאך
און וואו ס׳הויבט זיך אָן דער טייוול.

אויפֿן קראַנקן פּנים אירן
ליגט פֿון מזרח־לאַנד דער צויבער,
און ס׳דערמאָנען מיר די קליידער
אָן שעהערעזאַדעס מערכען.

ס׳זיינען זאַנפֿט ביי איר די ליפּן,
מיט אַ הויקערל דאָס נעזל:
און די גלידער שלאַנק און דופּטיק
ווי די פּאַלמען אין אָאַזיס.

אויף אַ פערד אַ ווייסן רייט זי,
לעבן איר צופוס צוויי מורן
גייען לאַנגזאַם און זיי פירן
פֿאַר דעם גאָלדענעם צוים דאָס פערד.

יאָ, זי איז געווען אַ פירשטין,
ז׳איז די קעניגין יהודהס,
וואָס באַגערט האָט ליידנשאַפטלעך
יוחנן דעם טויפערס קאָפּ.

און דערפאַר איז זי פאַרשאָלטן,
און דערפאַר מוז זי זיך שלעפּן
ווי אַ נאַכט־שד אויפֿן יאָגד דאָ,
ביז דער יום־הדין וועט קומען.

טראָגט אום אין די הענט אַ שיסל,
און אויף איר דער קאָפּ פון טויפער,
און זי קושט דעם קאָפּ דעם טויטן;
יאָ, זי קושט אים ליידנשאַפטלעך.

ז'איז פאַרליבט אין אים געווען!
ס'שטייט דערפון ניט אין דער ביבל,
אָבער אינם פאָלק לעגענדן
גייען אום נאָך פון איר ליבע.

אַנדערש קענסטו נישט ערקלערן
די פאַרלאַנגען פון דער דאַמע —
ווען אַ פרוי דעם קאָפּ באַגערן
פון אַ מאַן, וואָס זי האָט פיינט?

אפשר אין אַ שעה פון בייזקייט,
האָט זי אים געלאָזן קעפּן,
אָבער ווען ז'האָט אויף דער שיסל
דעם געליבטן קאָפּ דערזען,

איז זי וואַנזיניק געוואָרן,
און אין וואַנזין דאָן געשטאָרבן —
(ליבעס וואַנזין! פּלעאָנאַזם!
ס'איז אַ וואַנזין דאָך די ליבע!)

שטייט אויף אַלע נאַכט פון קבר
און זי לאָזט זיך אויפן יאַגד גיין,
טראָגט מיט זיך אום אין אַ שיסל,
ווי געזאָגט, דעם טויפערס קאָפּ.

דאָך מיט ווייבערשע קאַפּריזן
וואַרפט זי אין דער לופט דעם קאָפּ אום
ווי אַ באַל, און כאַפּט אים ווידער
קינדיש־לאַכנדיק דערביי.

װען ז׳איז מיר פֿאַרבײגעריטן
האָט זי צערטלעך אָנגעקוקט מיך
און קאָקעט אַ װאונק געגעבן,
אַז כ׳האָב ציטערן גענומען.

דרײַ מאָל איז די װילדע מחנה
לעבן מיר פֿאַרבײגעריטן,
דרײַ מאָל האָט די שײנע פֿירשטין
צאַרט און ליב צו מיר געװאונקען.

װען עס איז דער צוג פֿאַרשװאונדן
און פֿאַרקלונגען איז דער טומל,
לאַנג געברענט אין מײַן געהירן
האָט דער פֿירשטינס ליבער גרוס נאָך.

און דערנאָך די נאַכט די גאַנצע
װאַרף איך זיך אַרום אַ מידער
אויפֿן שטרױ — װײַל ס׳האָט אוראַקאַ
ניט געהאַט קײן בעסער בעט. —

און איך טראַכט: װאָס זאָל באַדײַטן
דאָס געהײמניספֿולע װינקען?
און פֿאַרװאָס האָסטו מיך צערטלעך
אָנגעקוקט, מײַן ליבע פֿירשטין?

קאפיטל 20.

זונען־אויפגאנג, גאָלד׳נע פיילן
שיסט די זון אַריין אין נעפּל;
רויט, ווי ער וואָלט זיין פאַרוואונדעט,
הויבט דער נעפּל אָן צו רינען.

ענדלעך איז דער זיג געוואונען,
און דער טאָג, דער טריאומפאַטאָר,
שטראַלנדיק אין פולער גלאָריע,
קומט אָן אויף די שפּיץ פון בערג.

און דער פויגל־כאָר צעזונגען
האָט זיך פון די טיפע נעסטן;
פונקט ווי אַ קאָנצערט פון בשמים,
הויבט זיך אויף דער דופט פון קרייטער.

און מיר האָבן זיך באַגינען
אינם טאָל אַראָפּגעלאָזן,
און ווען ס׳האָט געזוכט לאַסקארא
אויף דער ערד פון בער די שפורן,

זוך איך הרגענען די צייט דאָ
מיט געדאַנקען. דאָך דאָס דענקען
האָט צום סוף מיך שטאַרק פאַרמאַטערט
און געמאַכט אַ ביסל טרוי׳ריק.

און אַ טרויערי'קער און מידער
האָב איך אויפן מאָך געזעצט זיך
אין דעם שאָטן פון די בוימער,
וואו עס האָט אַ קוואַל געפּלאָסן.

מיט זיין וואונדערבאַרן רוישן
האָט ער מיך אַזוי פאַרכישופט,
אַז עס זיינען די געדאַנקען
פונם קאָפּ אַרויסגעפלויגן.

ס'נעמט מיך דורך אַ ווילדע בענקשאַפט
נאָך חלומות, טויט און וואַנזין,
נאָך די רייטערינס אויך בענק איך,
וואָס אין גייסטער־צוג זיך שלעפּן.

אָ, איר נעכטיקע געשטאַלטן,
וואָס אייך האָט די זון פאַרטריבן,
זאָגט, וואוהין זייט איר אַנטלאָפן,
וואו געפינט איר זיך בייטאָג?

אין רואינען פון אַ טעמפּל
— זאָגט מען — ערגעץ אין ראָמאַניאַ,
האַלט זיך אויף פאַרבאָרגן דיאַנאַ
אין גרויס שרעק פאַר קריסטוס' הערשאַפט.

בלויז ווען ס'קומט די האַלבע נאַכט אָן
וואַגט זי ס'אָרט אירס צו פאַרלאָזן,
און זי הויבט זיך אָן צו שפּילן
מיט איר היידנישער קאָמפּאַניע,

און די שיינע פייע אַבונדע
שרעקט זיך אויף פאַר נאַזאַרענער,
און דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגט זי
אין דעם זיכערן אַוואַלאָן.

אַט דער אינזל ליגט פאַרבאָרגן
ווייט אין ים פון דער ראָמאַנטיק,
קענסט אַהין נאָר בלויז דערגרייכן
אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע.

קיינמאָל אַנקערט דאָרט די זאָרג ניט,
ס׳קומען ניט אַהין קיין שיפן
מיט נייגעריקע פיליסטער,
מיט די לולקעס אין די מיילער.

קיינמאָל גרייכן ניט צום אינזל
יענע דומפּע גלאָקן־קלאַנגען,
יענער לאַנגווייליקער בום־בום,
וואָס פאַרהאַסט איז ביי די פייען.

אין אַ פרייד אַן אומגעשטערטער
און אין בליענדיקער יוגנט
רעזידירט דאָרט אונזער דאַמע,
אונזער בלאָנדע פרוי אַבונדע.

לאַכנדיק גייט זי שפּאַצירן
צווישן הויכע זונען־בלומען,
אומגערינגלט פון אַ מחנה
לאַנג שוין טויטע פאַלאַדינען.

אָבער דו, הערראַדיאַס שיינע,
זאָג, וואו ביסטו ? אָ, איך ווייס שוין !
דו ביסט טויט און ליגסט באַגראָבן
אין דער שטאָט ירושלים.

ליגסטו דאָרט בייטאָג אַ טויטע
אין דיין ווייסער מאַרמאָר טרונע,
און אין מיטן נאַכט וועקט אויף דיך
בייטשנקנאַל, האַלאָ און הוסאַ.

און דו טראָגסט זיך מיט דער מחנה
פון דיאַנען און אבונדען
און די איבעריקע, וועמען
ס׳איז פאַרהאַסט סיי קרייץ, סיי וויטיק.

ס׳אַראַ פריילעכע קאָמפּאַניע !
ווען כ׳זאָל קענען מיט אייך פאָרן
אַלע נאַכט, וואָלט איך געריטן
ביי דיין זייט בלויז, הערראָדיאַס.

ווייל איך האָב דיך ליב אַממייסטן !
פיל נאָך מער איידער דיאַנען ;
מער נאָך פון דער פייע פון צפון,
טאָכטער יידישע, דיך ליב איך !

יאָ, כ׳האָב ליב דיך ! איך דערקען עס
נאָך דעם ציטער פון מיין זעלע ;
האָב מיך ליב און זיי מיין ליבסטע,
טויטע אידין, הערראָדיאַס !

האָב מיך ליב און זיי מיין ליבסטע!
וואַרף דעם קאָפּ אַוועק צוזאַמען
מיט דער שיסל! און פאַרזוך איצט
פיל געשמאַקערע געריכטן.

כ׳בין אַ ריטער און אַמבעסטן
צוגעפּאַסט צו דיר, מיך אַרט ניט
וואָס ביסט טויט און ביסט פאַרשאָלטן —
איך האָב ניט קיין פאָראורטיילן. —

איך האָב מורא, אַז גאָר שוואַכלעך
האַלט עס מיט מיין עולם־הבא.
און איך צווייפל אויך אַפילו
צי איך לעב נאָך גאָר אינגאַנצן.

נעם מיך, איך וועל זיין דיין ריטער,
דיין באַדינער־קאַוואַליר,
איך וועל נאָכטראָגן דיין מאַנטל,
די קאַפּריזן דיר ערפילן.

און כ׳וועל אַלע נאַכט באַגלייטן
אויפן יאַגד דיך, און מיר וועלן
פרייען זיך און הילכיק לאַכן
איבער מיינע משוגעתן.

און כ׳וועל דיר די נעכט פאַרקירצן;
דאָך ווען ס׳קומט דער טאָג, פאַרשווינדן
וועט די פרייד, אַ וויינענדיקער
וועל איך אויף דיין קבר זיצן.

יאָ, בייטאָג זיץ איך און יאָמער
אויף דיין קעניגלעכן קבר,
אויף דעם קבר פון דער ליבסטער
ביי דער שטאָט ירושלים.

ס׳קוקן אָן מיך אַלטע יידן
און זיי מיינען, אַז איך טרויער
אויפן חורבן פון בית־מקדש,
אויף דער שטאָט ירושלים.

קאַפּיטל 21.

ארגאנאטן, ניט אויף שיפן,
נאָר וואָס גייען אום צופוס, און
וואָס אָנשטאָט דעם גאָלדנעם אָדער
זוכן זיי די פעל פון בערן, —

אָך, מיר נישטיקע און אָר'מע
העלדן פון דעם שניט דעם נייעם!
ס'וועלן קלאַסישע פּאָעטן
ניט פאַראייביקן אונז קיינמאָל.

דאָך מיר האָבן אָנגעליטן
זיך אויף פיל! אָ, ס'אַרא רעגן
איז אונז אויפן באַרג באַפאַלן,
וואו דו זעסט קיין בוים, קיין פיאַקער.

ס'האָט געעפנט זיך דער הימל
און מיט עמערס גיסט אַרונטער.
יאַזאָן האָט ניט אויף זיין קאָלכיס
דורכגעמאַכט אַזאַ מין וועטער.

„פאַר אַ שירעם וואָלט איך געבן"
— שריי איך אויס אין מיין פאַרצווייפלונג —
„איצטער זעקס און דרייסיק מלכים!"
דאָך דער רעגן גיסט אָן אויפהער.

אויסגעמאַטערטע און מידע
און ווי העגער דורכגענעצטע,
קערן מיר זיך שפּעט ביינאַכט אום
אין געצעלט פון דער מכשפה.

דאָרטן ביי דעם רויטן פייער
איז געזעסן זיך אוראַקאַ
און געקעמט איר מאָפּס דעם דיקן,
האָט אים משלח געווען,

ווען מיר זיינען אָנגעקומען,
האָט מיט אונז זיך גלייך פאַרנומען,
האָט מיר גרייט געמאַכט ס׳געלעגער,
אויסגעטאָן די עספּאַרדילן;

העלפט מיר אויסטאָן מיינע הויזן:
צוגעקלעפּט זיך צו די פיס מיר
האָבן זיי מיט אַ געטרייקייט,
ווי די פריינטשאַפט פון אַ טיפּש.

„אָ, אַ שלאָפּראָק! זעקס און דרייסיק
גיב איך איצט אַוועק מלכים
פאַר אַ שלאָפּראָק״! און אַ פאַרע
טראָגט זיך פון מיין נאַסן העמד.

קלאַפּנדיק איין צאָן אָן צווייטן
שטיי איך נאָך אַ ווייל ביים פייער.
ווי פאַרשיכורט פונם פייער
פאַל איך אויפן האַרטן שטרוי.

כ׳קען ניט שלאָפן. כ׳קוק מיך צו
ווי אוראַקאָ ביי דעם פייער
טוט איר זון אויס און זי האָט אים
אויף איר שויץ אַוועקגעזעצט.

ס׳איז דער פעטער מאָפּס געשטאַנען
לעבן אים און האָט געהאַלטן
אינם מויל אַ קליינטשיק טעפּל,
און געשיקט אַזוי געהאַלטן.

פון דעם טעפּל נעמט אוראַקאָ
רויטן פעטס און נעמט באַשמירן
פון איר זון די ברוסט און ריפּן,
ס׳שמירט אוראַקאָ גיך און האַסטיק.

רייבנדיק און שמירנדיק אים
זינגט די אַלטע צו אַ וויג־ליד;
מאָדנע האָט דערביי געפלאַקערט
אין קאַמין דאָס רויטע פייער.

געל און בייניק ווי אַ טויטער,
איז ער שוין אויף איר געלעגן;
ברייט געעפנט זיינען זיינע
טויטלעך־בלייכע שטאַרע אויגן.

איז לאַסקאַראָ ניט קיין טויטער,
וואָס די מוטער־ליבע מיט די
כישוף־זאַלבן אַלע נאַכט אים
ברענגט אויפסניי צוריק צום לעבן?

כ׳ליג אין דרימל און איך פיבער
און עס ווערן מיד די גלידער,
בלויז אַליין נאָר די געדאַנקען
זיינען וואַך און פול מיט שרעקן.

און געפייניקט האָט מיך שרעקלעך
פון די קרייטעכער דער ריח.
כ׳האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען,
וואו כ׳האָב אים אַמאָל געשפּירט.

און דער ווינט אין קוימען האָט מיך
אַלץ געשראָקן! כ׳הער ווי זיפצן
פון פאַרטריקנטע נשמות —
כ׳הער שוין לאַנג באַקאַנטע שטימען.

דאָך עס שרעקן מיך אַממערסטן
יענע אויסגעשטאָפּטע פייגל,
וואָס צוקאָפּנס ביי דער בעט מיר
זיינען אויף אַ ברעט געשטאַנען.

לאַנגזאַם נעמען זיי באַוועגן
מיט די פליגל און זיי בויגן
צו מיין בעט די לאַנגע שנאָבלען,
וואָס דערמאָנען מענטשן־נעזער.

וואו האָב איך אַזוינע נעזער
שוין געזען? איז דאָס אין פראַנקפורט
צי אין האַמבורג גאָר געווען? —
ס׳איז מיר שווער זיך איצט דערמאָנען.

און צום סוף בין איך פאַרזונקען
אין אַ שלאָף. און שטאָט די אַלע
פיל חלומות אויף דער וואַך
קומט אַ שלאָף אָן, אַ געזונטער.

און מיר טרוימט זיך, אַז אוראַקאָס
הייזל איז אַ זאַל אַ גרויסער,
פול מיט מאַרמאָרנע קאָלאָנען
און באַלויכט פון זשיראַנדאָלן.

אומזיכטבאַרע מוזיקאַנטן
פון „ראָבערט דער טייוול" שפּילן
די פאַרשייטע נאָנען־טענץ;
כ'גיי אַליין אין זאַל שפּאַצירן.

ענדלעך האָבן זיך געעפנט
אין דעם גרויסן זאַל די טירן.
ס'הויבן פּייערלעך אָן קומען
וואונדערבאַרע געסט אַזוינע. —

לויטער בערן און געשפּענסטער!
יעדער איינער פון די בערן
אַ געשפּענסט געפירט מיט זיך האָט,
איינגעוויקלט אין תכריכים.

ס'האָבן אין אַ וואַלץ געלאָזן
דורכן זאַל זיך גלייך די פּאָרלעך.
דאָס קוריאָזע בילד דערוועקט האָט
פחד און צוגלייך געלעכטער,

ווייל ס׳איז שווער געווען די בערן
האַלטן טאַקט מיט די געשפּענסטער,
וואָס זיך האָבן לייכט און לופטיק
דורכן גרויסן זאַל געטראָגן.

און געשלעפּט גאָר אָן רחמנות
האָבן זיי נאָך זיך די בערן,
וועמעס טרויעריקע זיפצן
שרייען איבער דעם אָרקעסטער.

און די טאַנצנדיקע פּאָרלעך
האָבן טיילמאָל זיך געפּלאָנטערט,
און דער בער פלעגט דעם געשפּענסט
געבן דאָן אַ זעץ פון הינטן.

אינם טומל פונם טאַנצן
רייסט אַמאָל אַ בער דאָס ליילעך
פון דעם טאַנצנדן געשפּענסט
און אַ שאַרבן דאָן באַווייזט זיך.

ענדלעך אָבער נעמען שאַלן
די טראָמפּייטן און די צימבלען
און עס דונערן די פּויקן —
און מען לאָזט זיך גאַלאָפּירן.

ס׳קומט אַ סוף דאָ צו מיין חלום,
ווייל אויף מיינע הינעראויגן
איז אַ בער אַרויפגעטראָטן
און איך וואַך אויף מיט געוואַלדן.

קאפיטל 22.

און עס יאָגט די פייער־פערדלעך
פּעבוס פון זיין פייער־דראָשקע,
און עס איז אויף העלפט פארענדיקט
שוין זיין הימלדיקע רייזע —

אין דער צייט, ווען כ׳בין געלעגן
נאָך אין טיפן שלאָף פארזונקען,
און געזען האָב איך אין חלום
בערן און אַ סך געשפּענסטער.

כ׳האָב ערוואַכט אין האַלבן טאָג ערשט.
כ׳בין אַליין געווען אין שטיבל,
ס׳איז מיין ווירטין און לאַסקאַראַ
פרי היינט אויפן יאָגד געגאַנגען.

אין געצעלט מיט מיר פארבליבן
איז דער פעטער מאָפּס אַליין נאָר;
ר׳איז געשטאַנען פארן אויוון
און ער האַלט אין האַנט אַ לעפל.

ער איז צוגעווייִנט געווען,
ווען די זופּ הויבט אָן צו קאָכן,
זאָל ער גלייך זי נעמען מישן
און די שוים אַרונטערנעמען.

אָבער, בין איך ניט פאַרכישופט?
אָבער, בין איך ניט אין היץ נאָך?
כ׳גלויב אַליין ניט מיינע אוירן —
ס׳האָט דער מאָפּס געװוּמען ריידן.

שוואַביש רעדט ער גאַנץ געמיטלעך,
און פאַרזונקען אין געדאַנקען
הויבט ער אָן פאַרחלומט רעדן
און ער האַלט אַזאַ מין דרשה:

אָ, איך אָרעמער פּאָעט!
פון מיין שוואָבן ווייט, איצט פירן
מוז איך דאָ אַ הינטיש לעבן,
היטן דער מכשפהס טעפּלעך!

ס׳אַראַ שרעקלעכער פאַרברעכן
איז דער כישוף! און ווי טראַגיש
איז מיין מזל: מענטשלעך פילן
אין אַ הינטיש־גראָבער פעל!

ווען כ׳וואָלט ליבערשט מיר פאַרבליבן
ביי די גוטע שול־חברים,
וועלכע וויסן ניט פון כישוף
און פאַרכישופן קיין מענטש ניט.

„ליבערשט וואָלט איך מיר פאַרבליבן
אין דער היים ביי קאַרל מאַיער
און געגעסן זיסע קיכלעך
און די היימיש־גוטע זופּן.

„ס׳דריקט אַ בענקשאַפֿט נאָך דער היים מיך —
אַך, עס ווילט זיך זען מיר ווידער
ווי עס גייט דער רויך פֿון קוימען,
ווען מען קאָכט אין קיך די לאָקשן.״

אַ גערירטער אויפגעשפּרונגען
בין איך גלייך פֿון מיין געלעגער,
צוגעזעצט צו דעם קאַמין זיך
און מיט מיטלייד אויסגערעדט שטיל:

„ווי אַזוי, זאָג, איידלער זינגער,
קומסטו אין אוראַקאַס שטיבל,
און פֿאַרוואָס ביסטו פֿאַרוואַנדלט
אין אַ גראָבן מאָפּס געוואָרן?״

ר׳האָט מיט פֿרייד מיר גלייך געענטפֿערט:
„הייסט עס, איר זייט קיין פראַנצויז ניט,
נאָר אַ דייטש, און איר פֿאַרשטאַנען
האָט מיין שטילן מאָנאָלאָג.

„אַך, מיין לאַנדסמאַן, ס׳אַראַ אומגליק,
וואָס דער לעגאַציאָנסראַט קעלע,
ווען מיר פֿלעגן ביים גלאָז ביר
אין דער קרעטשמע דיסקוטירן,

„פֿלעגט מיט זיכערהייט באַהויפּטן,
אַז בלויז דער, וואָס האַלט אין רייזן,
קען זיין אמתדיק געבילדעט,
פּונקט אַזוי ווי ער געבילדעט.

„צו באַפרייען מיינע פיס מיר
פון דער גראַבער, רויער קאָרע,
און ווי קעלע, אַלע פיינסטע
זיטן פון דער וועלט צו קריגן, —

„האָב איך ס׳פאַטערלאַנד פאַרלאָזן,
איך בין אויף מיין בילדונגס־רייזע
אין די בערג דאָ אָנגעקומען,
אין אוראַקאַס קליינעם שטיבל.

„פון מיין פריינט יוסטינוס קערנער
האָב איך מיטגעבראַכט אַ בריוו איר,
ווער זאָל גלויבן, אַז ס׳שטייט קערנער
אין פאַרבינדונג מיט מכשפות?

„האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען,
דאָך נעם איך מיט שרעק באַמערקן,
ווי עס ווערט ביי איר די פריינטשאַפט
אין אַ ליידנשאַפט פאַרוואַנדלט.

„ס׳האָט צעפלאַקערט זיך די תאווה
אין איר לאַנג פאַרוועלקטן בוזעם,
און די זינדיקע ארורה
האָט מיך שוין געוואָלט פאַרפירן.

„אך, אַנטשולדיקט, נעם איך בעטן,
איך בין ניט קיין געטעאַנער,
כ׳בין ניט לייכטזיניק, כ׳געהער דאָך
צו דער דיכטער שול פון שוואַבן.

„זיטלעכקייט איז אונזער מוזע
און זי טראָגט פון דיקסטן לעדער
אונטערהויזן. אָך, פאַרפלעקן
זאָלט איר ניט אין מיר מיין טוגנד.

„ס'האָבן ליידנשאַפט פיל דיכטער,
אַנד'רע האָבן גייסט, פאַנטאַזיע,
דאָך די טוגנד, זי געהערט נאָר
בלויז צו אונז אַליין, די שוואָבן.

„דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן,
אָ, ניט רייס אַראָפּ דעם זיטלעך־
פרומען רעליגיעזן מאַנטל,
וואָס פאַרדעקט מיין נאַקעטקייט.

„כ'האָב אַזוי געזאָגט אוראַקאַן,
דאָך אוראַקאַ האָט איראָניש
זיך צעלאַכט און מיט אַ צווייגל
האָט זי אָנגערירט דעם קאָפּ מיר.

„ס'איז אַזוי מיר קאַלט געוואָרן,
כ'האָב געפילט, ווי אויף די גלידער
ציט זיך מיר אַ גענדזן־פעל אָן,
דאָך עס איז קיין גענדזן־פעל ניט. —

„ס'איז וואָס ערגערעס געווען,
ס'איז אַ מאָפּסן־פעל געווען,
און פון יענער שעה געבליבן
בין איך, ווי איר זעט, אַ מאָפּס".

און פון ווייבעוּן האָט דער אָר׳מער
ניט געקענט אַ וואָרט מער ריידן,
ר׳איז אין טרערן שיעור צעגאַנגען,
אָט אַזוי האָט ער געיאָמערט.

„הערט זיך איין״ — זאָג איך מיט מיטלייד —
אפשר קען איך פון דער הינט־פעל
אייך באַפרייען, און דער דיכטונג
און דער מענטשהייט ווידער געבן?״

אָבער ער, ער הויבט אויף טרייסטלאָז
און פאַרצווייפלט זיינע לאַפּעס
אין דער הויך אויף, און מיט זיפצן
הויבט ער אָן אַזוי צו ריידן:

„אין דער פעל פון מאָפּס פאַרבלייבן
מוז איך ביז דער יום־הדין קומט,
אויב ס׳וועט מיך קיין יונג־פרויס גרויסמוט
פון דעם כישוף ניט באַפרייען.

„יאָ, נאָר בלויז אַ ריינע יונגפרוי,
וואָס האָט ניט געקענט קיין מאַן נאָך,
קען באַפרייען מיך, ווען זי וועט
אויספאָלגן אָט די באַדינגונג:

„אין דער נאַכט פון סט. סילוועסטער
מוז זי לעזן אָן אַן אויפהער
גוסטאַוו פפיצערס לידער און זי
זאָל ניט איינשלאָפן דערביי.

„אויב די אומשולדיקע אויגן
שליסן זיך ניט ביי דעם לעזן,
פֿאַלט פון מיר אַראָפּ דער כישוף
און כ׳וועל מענטשלעך ווידער ווערן״.

„אויב אַזוי״ — האָב איך געענטפערט —
„קען איך לײַדער אײַך ניט העלפן,
דען איך בין ניט, צום באַדויער,
ווי איר זעט, קיין ריינע יונגפרוי.

„און אוממעגלעך איז צו גלויבן,
אַז עס קען אַמאָל זיך טרעפן
אַז כ׳זאָל לעזן פּפיצערס לידער
און ניט איינשלאָפן דערביי״.

ק אַ פּ י ט ל 23.

פונם הויז פון דער מכשפה
גייען מיר אין טאָל אַרונטער ;
אויף דאָס פּאָזיטיווע ווידער
האָבן אונז׳רע פּיס געשטעלט זיך.

גייט אַוועק, איר נאַכט-געשטאַלטן,
גייט אַוועק פון אונז, געשפּענסטער !
מיר באַשעפּטיקן פאַרגינפּטיק
ווידער זיך מיט אַטאַ טראָלן.

אין דער הייל מיט זיינע קינדער
ליגט דער אַלטער און ער שלאָפט זיך
מיטן שלאָף פון דעם גערעכטן ;
פויל הויבט ער זיך ענדלעך אויף.

לעבן אים זיצט י ו נ ק ע ר א י י נ א ו י ר.
האַלט זיך אַלץ דעם קאָפּ אין קראַצן,
ווי אַ דיכטער, וואָס אין מיטן
קען גראָד ניט קיין גראַם געפינען.

און אויך ביי דער זייט פון פאָטער
אויפן רוקן אויסגעצויגן
ליגן אומשולדיקע ליליען —
אַטאַ טראָלס געליבטע טעכטער.

װעלכע צערטלעכע געדאַנקען
שמאַכטן אין דער בליטנזעלע
פון די װײַסע בערנמײדלעך ? —
ס׳זײַנען פײַכט בײַ זײ די אױגן.

און באַזונדערס גאָר די ייִנגסטע —
אין איר יונגן האַרצן פילט זי
אַזאַ צערטלעך זיסן ציטער —
אָ, זי פילט קופּידאָס פײַלן !

יאָ, קופּידאָס פײַל געדרונגען
דורך איר פעל איז אין איר האַרצן,
און — אָ, הימל ! ס׳איז דאָך יענער,
װעמען זי האָט ליב — אַ מענטש !

ר׳איז אַ מענטש און הײסט שפּאַנהאַנסקי.
אױף דער גרױסער רעטיראַדע
איז ער איר פאַרבײַגעלאָפן
אין די בערג דאָ אַ פרימאָרגן.

און דאָס אומגליק פון די העלדן
רירט דאָך װײַבער. אױף זײַן פּנים,
אָפן איז אַצינד, װי שטענדיק,
שאַרף געלעגן די פינאַנץ־נױט.

און ס׳פאַרמעגן זײַנס אינגאַנצן,
גאַנצע צװײ און צװאַנציק גראָשן,
װאָס ר׳האָט מיטגעבראַכט פון שפּאַניען,
קומט אָן צו דאָן עספּאַרטעראָ.

ניט געראַטעוועט דעם זייגער:
אין אַ פּאַמפּעלונער לאָמבאַרד
ליגט ער איצט. ער איז פון זילבער
און דערצו נאָך אַ ירושה.

און ער לאָזט אין וועג זיך לויפן,
אָבער אינם לויפן האָט ער
עפּעס בעסערעס געוואונען —
ר׳האָט אַ פרויען־האַרץ געוואונען.

יאָ, זי ליבט דעם פיינט פון בערן!
אָ, דו בערין אומגליקלעכע!
ווען דאָס זאָל דער פאָטער וויסן,
וואָלט ער פול מיט כעס צעברומט זיך.

ווי דער אַלטער אַדאַאַרדאַ,
וואָס מיט בירגערשטאָלץ דערשטאָכן
האָט עמיליע גאַלאָטי,
וואָלט דאָך אַטאַ טראָל אויך ליבערשט

מיט זיין אייג׳נער האַנט דערהרגעט
איצט זיין טאָכטער, איידער לאָזן,
אַז זיין אייגן קינד זאָל פאַלן
אין די אָרעמס פון אַ פּרינץ.

דאָך איז גוט געשטימט איצט אַטאַ
און ער האָט גאָר קיין פאַרלאַנג ניט
ברעכן רויזן, איידער זיי׳רע
בלעטער רייסט דער ווינט אַרונטער.

גוט געשטימט ליגט אטא טראל איצט
אין דער הייל ביי זיינע קינדער.
ווי אין פארגעפיל פון טויט
בענקט ער נאך דער וועלט דער ווארער.

„קינדער!״ — זיפצט ער און עס טריפן
זיינע אויגן — „ס׳ענדיקן זיך
מיינע וואנדערונגען אלע
און איך מוז פון אייך זיך שיידן.

„איך האב היינט געהאט א חלום,
וואס גאר טיף איז זיין באדייטונג.
מיין נשמה פילט דאס זיסע
פארגעפיל פון נאנטן טויט.

„אמת, כ׳בין ניט אבערגלויביש,
כ׳בין קיין פראזן־בער, דאך גיבן
זאכן צווישן ערד און הימל,
וואס דו קענסט זיי ניט דערקלערן.

„גריבלענדיק זיך וועגן מזל,
וועגן וועלט און לעבן, בין איך
איינגעשלאפן, און מיר טרוימט זיך:
איבער מיר הויבט אויף א בוים זיך

„און פון זיינע גרויסע צווייגן
טריפן טראפנס ווייסער האניק,
פאלן גלייך אריין אין מויל מיר, —
אז איך פיל א זעליקייט.

„גליקלעך הויב איך אויף די אויגן
און איך זע ווי אויף די צווייגן
קלעטערן ארום און קריכן
זיבן קליינע קינדער־בערלעך.

„אָ, באַשעפּעניש ליבע!
פון אַ ראָזיקן קאָליר איז
זייער צאַרטע פעל און ס'דוכט זיך,
אַז זיי האָבן צו צוויי פליגל.

„יאָ, די ראָזיק־צאַרטע בערלעך
האָבן צו צוויי זייד'נע פליגל
און ווי דינע, הימליש־פיינע
פלייטן־שטימען זינגען זיי.

„פלוצים איז מיר קאַלט געוואָרן
און ס'איז פון דער פעל מיין זעל
ווי אַ פלאַם אַרויסגעשפּרונגען —
שטראַלנדיק צום הימל פליט זי."

מיט אַ ציטערדיקער שטימע
האָט דאָס אַטאַ טראָל געזאָגט אַלץ
און פאַרשוויגן גלייך געוואָרן...
פלוצים אָנגעשפּיצט די אוי'רן

און אַ שפּרונג געטאָן פון בעט,
און פאַרציטערט פון גרויס שמחה
הויבט ער אָן מיט פרייד צו ברומען:
„קינדער, הערט איר ניט אַ שטימע?

„איז דאָס ניט די זיסע שטימע
פון איי׳ר מוטער? איך דערקאָן דאָך
ס׳ברומען פון מיין גוטער מומא,
מומא, דו מיין שוואַרצע מומא!“

ווי משוגע פון דער הייל
האָט ער ווילד גענומען לויפן —
גיסט זיך דיינע שונאים איבער,
אַטאַ טראַל, לויפסט צו דיין אומגליק!

קאַפּיטל 24

אין דעם ראַסענוואַלער טאָל,
אין דעם אָרט דאָרט, וואו פאַרצייטן
האָט דעם גרויסן קאַרלס פלימעניק
אויסגעהויכט זיין וואָרע זעל —

איז אויך אַטאַ טראָל געפאַלן,
פונקט ווי יענער, ווען ס׳האָט
גאַנעלאָן פון מאַינץ פאַרראַטן,
אומגעריכטערהייט באַפאַלן.

אַך, דאָס איידלסטע אין בערן,
צו דער אייג׳נער פרוי די ליבע,
האָט געדינט פאַר דער אוראַקאַ
ווי אַ נעץ צו כאַפּן אַטאַן.

ס׳ברומען פון דער שוואַרצער מומא
האָט זי נאָכגעמאַכט גאַר קונציק
און אַרויסגעצויגן אַטאַן
פון זיין זיכערער באַהעלטניש.

ווי אויף פליגלען פון דער בענקשאַפט
לאָזט ער דורכן טאָל זיך לויפן;
נעמט אַמאָל אַ פעלז באַשמעקן:
איז דאָ מומא ניט פאַרבאָרגן?

אַך, ניט מומא, נאָר לאַסקאַראַ,
איז געווען דאָרט פאַרבאָרגן!

און ער לאָזט אַ קויל אין האַרץ אים,
ס'וויזט זיך באַלד אַ שטראָם אַ רויטער.

ער האָט זיך גענומען וואַקלען,
איינמאָל, צוויי מאָל, ביז געפאַלן
איז ער אויף דער ערד, געוועזן
איז זיין זיפץ דער לעצטער: מומאַ!

ס'איז אַזוי דער העלד געפאַלן
און אַזוי איז ער געשטאָרבן,
דאָך אומשטערבלעך וועט ער בלייבן
אייביק אינעם ליד פון דיכטער.

ער וועט אויפשטיין אין די לידער,
און זיין רום וועט קאָלאָסאַל נאָך
אויף פיר פיסיקע טראַכטעץ
איבער אַלע וועלטן שפּרייזן.

און אַ דענקמאָל אין וואַלהאַלאַ
וועט אים שטעלן . . .
און אויף אים אין דעם . . .
לאַפּידאַריש אַזאַ אויפשריפט:

„אַטאַ טראַל. טענדענץ־בער. זיטלעך.
„רעליגיעז. אַ טרייער מאַן.
„פונם צייט־גייסט אַ פאַרפּירטער,
„ווערט אַ ריינער סאַנסקילאָט.

„שלעכט געטאַנצט, דערפאַר פּרינציפּן
אין זיין האַריקער ברוסט געטראָגן.
טיילמאָל גאָר־ניט־שלעכט געשטונקען.
קיין טאַלאַנט, דאָך אַ כאַראַקטער."

קאַפּיטל 25

דריי און דרייסיק אַלטע ווייבער,
אויף די קעפּ די שאַרלאַך־רויטע
היטלען פון די אַלטע קאַסקען,
שטייען ביי דעם דאָרפס אַריינגאַנג.

איינע, פּונקט ווי דאַמאָלט דבורה,
קלאַפּט און צימבלט און צעטאַנצט זיך,
און זי זינגט דערביי אַ ליב־ליד
צו מיין פריינט דעם בערן־טויטער.

און פיר שטאַרקע מענער טראָגן,
טריאומפירנדיק דעם טויטן,
וואָס געזעסן אויף אַ שטול איז,
ווי אַ שוואַכער אין די בעדער.

נאָכן טויטן, ווי פאַרוואַנדטע,
מיט אוראַקאַן גייט לאַסקאַראַ,
און זי גריסט זיך האַלב־צעטראָגן
רעכטס און לינקס צו אַלע מענטשן.

דער געהילף פון מער געהאַלטן
האָט אַ רעדע פאַר דעם ראַטהויז,
ווען דער צוג איז אָנגעקומען.
רעדט פון אַלערליי דאָרט זאַכן —

ווי צום ביישפּיל, פון דער פּרעסע,
פון דער גרויסקייט פון דער פּלאַטע,
וועגן בוראַקעס און וועגן
דעם, ווי שלעכט איז דער פּאַרטיי־האַס.

רעדט פון לודוויק־פיליפּס גרויסקייט
און גייט אומבאַמערקט אַריבער
צו דעם טויטן אַטאַ טראָלן,
צו דער גרויסער טאַט לאַסקאַראַס.

„דו, לאַסקאַראַ!" — זאָגט דער רעדנער
און ער נעמט דעם שווייס זיך ווישן
מיט זיין שאַרף פון דריי קאָלירן —
„דו, לאַסקאַראַ! דו, לאַסקאַראַ!

„דו, וואָס שפּאַניען האָסט און פראַנקרייך
פון דעם אַטאַ טראָל באַפרייט,
דו, דער העלד פון ביידע לענדער,
פּירענעער לאַפּאַיעט!"

ווען עס הערט זיך איין לאַסקאַראַ
צו די לויב־געזאַנגען אַלע,
הויבט ער אָן צופרידן שמייכלען,
און פון פרייד זיך שטאַרק צו רויטלען.

און מיט אָפּגעריס'נע ווערטער
הויבט ער שטאַמלענדיק אָן רעדן,
און ער ענטפערט, אַז ער דאַנקט שטאַרק
פאַר דער גרויסער, גרויסער ערע!

און פאַרוואונדערט קוקן אַלע
אויף דעם אומגעהערטן שוישפּיל,

און געהיימניספול, מיט מורא
נעמען אַלטע ווייבער מורמלען:

„זע, לאַסקאַראַ האָט געשמייכלט!
זע, עס רויטלט זיך לאַסקאַראַ!
זע, לאַסקאַראַ האַלט אַ רעדע,
ער, דער טויטער זון אוראַקאַס!"

רייסט מען אַטאָס פעל אַרונטער,
מען פאַרקויפט אויף אַקציאָן זי.
אָנגעקומען צו אַ קירזשנער
איז זי פאַר אַ הונדערט פראַנק.

וואונדערשיין האָט זי דער קירזשנער
מיט אַ רויטן טוך באַשלאָגן,
און ער האָט אויפסניי פאַרקויפט זי
פאַר אַ טאָפּלטן שוין פּרייז.

צו זשוליעטן אָנגעקומען
איז זי פון דער דריטער האַנט ערשט,
און אין איר פאַריזער וואוינונג
ליגט זי עס ביים בעט אַנידער.

אַ, ניט איינמאָל בין איך באָרוועס
אין די נעכט מיר דאָ געשטאַנען
שטיל אויף דעם, וואָס ס'איז פאַרבליבן
אויף דער ערד פון אַטאַ טראָלן.

און, פון טרויער דורכגענומען,
זידערהאָל איך שילערס ווערטער:
„וואָס עס לעבט אין לידער אייביק,
מוז אין לעבן אונטערגיין!"

קאַפּיטל 26

און די מומאַ? אַך, די מומאַ
איז אַ פֿרוי און ס'איז איר נאָמען
שוואַכקייט. ס'זײַנען ניט באַשטענדיק,
פּונקט ווי פֿאַרצעלאָן, די ווײַבער.

ווען די האַנט פֿון שיקזאַל האָט זי
מיט איר גרויסן מאַן צעשיידט,
איז זי ניט פֿאַר שמערץ געשטאָרבן,
און פֿון פּײַן ניט אויסגעגאַנגען.

ניין, אין געגנטייל, גאָר לוסטיק
האָט זי זיך גענומען לעבן:
פֿאַרן פּובליקום, ווי פֿריער,
טאַנצט זי, זוכט אַפּלאָדיסמענטן.

ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן,
איז זי קיין פּאַריז געקומען,
אין זשאַרדען דע־פּלאַנט באַקומען
אַ באַשעפֿטיקונג אויף שטענדיק.

פֿאַראַכטאָגן זונטאָג בין איך
מיט זשוליעטן מיר געגאַנגען
און איר די נאַטור דערקלערט דאָ,
די געוויקסן און די חיות —

די זשיראַפן און דעם צעדער
פון לבנון, און דעם גרויסן
דראָמעדאַר און אויך די זעברען,
און דערקלערנדיק איר אַלץ

זיינען מיר זיך צוגעגאַנגען
צו אַ שטייג אַ פעסט־פאַרצאַמטן,
וואו ס׳געפינען זיך די בערן —
גאָט אין הימל! וועמען זע איך?

אַ געוואַלדיק גרויסן, ווילדן,
ווייסן שניי־בער פון סיביר,
זע איך אין דעם שטייג דאָרט צערטלעך
ראָמאַנסירן מיט אַ בערין.

און געווען איז דאָס מומאַ!
ס׳איז די פרוי פון אַטאַ טראָלן.
כ׳האָב דערקענט זי נאָך דעם צערטלעך
פייכטן גלאַנץ פון אירע אויגן.

יאָ, זי איז עס! זי, דעם דרומס
שוואַרצע טאָכטער! זי, די מומאַ —
ווער וואָלט גלויבן? — מיט אַ רוס לעבט,
מיט אַ נאָרדלעכן באַרבאַר.

ווינקענדיק זאָגט מיר דער נעגער,
וואָס איז ביי דעם שטייג געשטאַנען:
„איז פאַראַן דען עפּעס שענערס,
ווי צוויי ליבנדע נשמות?“

„אָבער" — פרעג איך — „זאָגט, מיט וועמען
כ'האָב די ערע איצט צו רעדן?"
ס'קוקט דער נעגער אָן פאַרוואונדערט:
„איר דערקענט מיך ניט, באמת?

„כ'בין דער מאָרן־פירשט, וואָס פויקן
פלעגט אַמאָל ביי פרייליגראַטן.
שלעכט געווען איז מיר, אין דייטשלאַנד
פלעג איך זיין ווי איזאָלירט.

„אָבער דאָ, וואו כ'בין אַלס שומר
אָנגעשטעלט, און וואו געפונען
האָב איך היימיש־ליבע פלאַנצן
און אויך טיגערן און בערן —

„איז אַ סך, אַ סך מיר בעסער
ווי ביי איך אין אייער דייטשלאַנד,
וואו כ'מוז טאָג נאָך טאָג אַלץ פויקן
און דערצו זיין שלעכט געפיטערט.

„כ'האָב אַ קעכין מיר פון עלזאַס
פאַר אַ ווייב ניט לאַנג גענומען;
און אין אירע אָרעמס איז מיר
גוט אַזוי, ווי אין דער היימאַט.

„און ס'דערמאָנען אירע פיס מיך
אָן די ליבע עלעפאַנטן.
ווען זי רעדט פראַנצויזיש, דאַכט מיר,
כ'הער מיין מוטער־שפּראַך, די שוואַרצע.

„שרייט זי, נעם איך זיך דערמאָנען
פון דער גרויסער פויק דאָס טומלען,
וואָס, מיט שאַרבנס פיל באַהאַנגען,
האָט געשראָקן לייבן, שלאַנגען.

„דאָך, ביים שיין פון דער לבנה
וויינט זי אָפט, ווי קראָקאָדילן,
וועלכע קומען אויפן ברעג אָן
אָטעמען די פרישע לופט.

„ס'אַרא הערלעכע מאכלים
גיט מיין בלאָנדע ווייב מיר עסן;
מיט דעם אַפּעטיט דעם אַלטן,
ווי ביים נעגער, פרעס איך ווידער.

„ס'איז שוין קיילעכדיק מיין בייכל
און עס קוקט פון העמד אַרויס
ווי אַ שוואַרצלעכע לבנה
צווישן מחנות ווייסע וואָלקן.“

קאַפּיטל 27

צו אויגוסט וואַרנהאַגען פאָן ענסע.

„וואו געפּאַקט האָט איר די אַלע
משוגעתן, פּלוידערייען,
מיין מאַעסטראָ לודוויג ?" פרעגט
הויך דער קאַרדינאַל פון עסטע,

ווען פון ראָלאַנדס ווילדע מעשים
האָט ער דאָס געדיכט געלעזן,
וואָס אַריאָסטאָ אונטערטעניק
האָט זיין עמינענץ געווידמעט.

יאָ, וואַרהאַגנגען, פריינט דו אַלטער,
יאָ, איך זע אויף דיינע ליפּן
שוועבן איצט די זעלבע ווערטער
און דעם זעלבן דינעם שמייכל.

לאַכסט אַפילו ביי דעם לעזן!
דאָך, עס טרעפט, אַז ס׳נעמט זיך ערנסט
דיר דיין הויכער שטערן קנייטשן
און עס וואַכן אויף זכרונות: —

„קלינגט דאָס ניט ווי יוגנט־טרוימען,
וואָס איך חלום מיט שאַמיסאָ,
מיט פוקע און מיט ברענטאַנאָ
אין די בלויע זומער־אוונטס?